5/- „אין חדר אריין"

3/6 „אין זכות פון די טעג"

פון

**משה עובד**

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי



LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10



**מרס׳ חנה סאלאמאן,**

ערשטקלאסיקע דערפארענע שייטעלמאכערין איז גרייט אָנצונעמען אלע סארטן ארבעט אין פאך, אויך אומענדערונגען און רעפעראטורן.

53, PYRLAND ROAD, HIGHBURY, N.5
Phone: CLIssold 0595



**„די צייט" געגרינדעט אין 1913 פון מארדים מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאנד. (בשעת דער הלחמה — די איינציקע אין אייראפע.)



*Editor* A. N. STENCL, 50, Philpot Street, London, E.1

***Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1***




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 9 (העפט 116) **צענטער יארגאנג** סעפטעמבער 1949 לאנדאן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


1. אַ שטיקל יידישלעכן סך־הכל צום נייעם יאָר
2. אַ צדוק־הדין צום 10־טן יאָר פונם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אַ „פרייער־בוך", מיין ווידוי, תפילת זכה, שעיר־לעזאזל, אַ תפילה — — — .............. ** 1

ווי מען פייערט ראש־השנה ביי די פרומע יידן אין אַלט ירושלים און אין דער שטאָט פון די מקבלים צפת............ אפרים טויבענהויז 5

אַ געראַטעוועטע נשמה (סקיצע).................... משה עובד 9

איך פרעג! (ליד).................... מאַקס הערשמאַן 11

„דאָס יידל" (דערציילונג).................... י. ביעטש 11

צוויי לידער.................... יוסף פאלק 17

טונקלע טעג (דערציילונג).................... א. מ. פוקס 18

שוואַלבן־טשוויטש וואַריאַציעס (לידער).............. א. נ. שטענצל 24

מען זוכט מיט געוואַלט אַ נייעם נביא (עסיי).............. לעאָ קעניג 28

פעריען באַטראַכטונגען (אָפרו — פראַנצויזן — דייטשן — געטע — „אַ זעקסטער וועלט טייל".................. דר. יעקב י. מייטליס 31

שלום אַש (צו זיין קורצן באַזוך דאָ אין לאָנדאָן)........ אליהו פאלושאַק 40

אין דער נאַכט (ליד).................... ש. באַס 44

„אויפן צימבל" (רעצענזיע).................... ש. דאָרפזאָן 45

צו די פייערונגען צום 200־טן געבוירן יאָר פון געטע.............. ש. 46

טעאַטער נאָטיץ .................... 49

„אימתה דציבורא" (חזנישער פאָלקלאָר)........ יחזקאל נח ערליכמאַן 50

פופציק יאָר פועלי־ציון אין ענגלאַנד (אויפרוף).................... 50

רעדאַקציע נאָטיצן .................... 51

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.................... 52


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**


**אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר**

**1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער**

# צום 10־טן יאָר פון „לשון און לעבן“

ערב ראש־השנה ת.ש. איז אַרויסגעגאַנגען דאָס ערשטע „העפטל“. עס איז אַרויס מיט קליינע בנעימותדיקע פּוסטריט; מיט שטילע פּערזן כאַטש געוואָלט נאָכגיין דעמלט, דאָס צעשטורעמטע לעבן אונזערס; דער בליץ־קריג איבער לאָנדאָן! פון די יידישע ישובים אין איראָפּע די שרעקלעכסטע גרוויליקסטע ידיעות! אונזער קליינער קיבוץ דאָ פאַרצווייפלט, דערנעווירט, עוואַקואירט.

מיט טויזנט אויגן האָט דער מלאך המות געקוקט אויף דעם 8 זייטיקן, אויף אַלץ־פּייפנדיקן און זינגענדיקן „מלחמה־העפטל“, אויף דעם מאָגערן 16־זייטיקן „יידיש־לשון־העפטל“, אָבער אַלע שוועריקייטן זיינען גובר געוואָרן. (נאָך שווערער ווי ביים אָנהייב די היטלער־באָמבעס פון בליץ־קריג, זיינען שפּעטער געווען די פּאַרטייאישע, געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע קריגערייען...)

נאָך דער מלחמה איז זיך דאָס „העפטל“ צעוואַקסן אין אַן אומפּאַרטייאישן ליטעראַרישן זשורנאַל, אַ קולטורעלן געזעלשאַפטלעכן, פון יידישן לאָנדאָן; אַ מקלט פאַר אַלע שרייבער און וואָרט־זאָגער. און דאָס האָט געקאָנט געשען אַ דאַנק די באַמיאונגען פון די גרופּע „פריינט פון יידיש לשון“. די אַרבעט פון דער קליינער גרופּע איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע, אָבער מדי־חודש בחודש האָבן זיי געזען „די פּירות בעולם הזה“, און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גענוגנדיקער שכר און אַ טרייבקראַפט צו ווייטערער אַרבעט.

על כל פּנים איז „לשון און לעבן“ דער קולטור־צווייג אין יידישן לאָנדאָן, וועלכער טראָגט די פּרוכט, וואָס דער אָרעמער, שווער־בעאַרבעטער באָדן דאָ איז בכלל ביכולת אַרויסצוגעבן...

שוין אַז דער היינטיקער נומער קאָן אומגעשטערט דערשיינען, איז אַ סימן־מזל, אַז יעדע מניעה און שטרויכלונג ווערט אָפּגעווישט און איבערוועדן אין גאַנג און אָנשטרענג פון אַן אָנגייענדיק און פירענדיקע אַרבעט.

עס איז די זכיה און דער שכר פון אונזער אַרבעט, אַז אין די פּראָבלעמען, וואָס די יידישע וועלט באַמיט זיך יעצט אין די לעצטע יאָרן, האָבן מיר, — נאָענט זייענדיק צו דער קאַטאַסטראָפע און האַלב שטעקנדיק אין איר — שוין אין די ערשטע יאָרן געהאַט טונקלע אָנונגען און נעפּלדיקע שפּירונגען.

עס איז דער הייסער ווונטש, אַז צום 10־טן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון „לשון און לעבן“, זאָלן די כוחות פון אונזערע פריינט באַנייט און דערפרישט ווערן, ווייטער צו קענען אָנגיין מיט דער נויטיקער אַרבעט, וואָרים אויך שוין אין אונזערע רייען פילט זיך אַ מידקייט און אַן איבעראַרבעטקייט; און די טויזנט קנאה־אויגן וואָס קוקן אויף אונזער ביסל טעטיקייט זיינען נאָך אַלץ לעבנס־געפערלעך — —

עס איז „החיים והמות ביד הלשון“! אין אונזער ווילן צודערהאַלטן דאָס יידישע וואָרט, אין אונזער ליבשאַפט צו אַלץ וואָס איז יידיש הענגט אָפּ אונזער עקסיסטענץ; און אויב די צוויי לעצטע זיינען, חלילה, נישטאָ, איז סיי־ווי שוין אַזאַ עקסיסטענץ ניט מער פון גרויס וויכטיקייט און ווערט.

זאָל צום נייעם יאָר, דער ווילן אונדזערער צום יידישן וואָרט און די ליבשאַפט צום יידישן שאַפן פאַרשטאַרקט און פאַרטאָפּלט ווערן.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 116) צענטער יאָרגאַנג סעפּטעמבער 1949 לאָנדאָן

## 1. אַ שטיקל יידישלעכן סך־הכל צום נייעם יאָר

יידן צום נייעם יאָר מאַכן נישט קיין סך־הכלן, נאָר מ׳קלאַפּט זיך על־חטא. און באמת וואָסער סך־הכל האָבן מיר דאָס צו ציען אין אונזער גייסטיקן און אין אונזער קולטור לעבן? ווי אַמאָל אין אונזער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנדסמאַנשאַפטן דער פּרינציפּ איז געווען, צו שערן די לעמער ווי לאַנג זיי לאָזן זיך און צו לאָזן דעם עולם גולם פאַרגראָבט און נאַריש, אַזוי ווי ער איז, — פּונקט ווי אין אונזערע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע פאַראיינען ס׳איז דער פּרינציפּ צו שניידן די זאַנגען מיט געזאַנג און לאָזן דאָס שטרוי צעשפּרייט און פאַרפוילט, — איז אין אונזערע קולטור־סעקציעס, ווי זיי זיינען אַלע מיט גרויסע נעמען, דער פּרינציפּ אַפּנים: ס׳לעצטע ביסל סמעטענע נאָך שנעל אַכאַפּ אַראָפּ צו געבן... עס איז אַ שרעק אַז מען גיט זיך אַ קוק צו דעם גאַנג, — צום אונטערגאַנג! — פון אונזער לעצטן רעשטל קולטור־טעטיקייט און גייסטיקע באַוועגלעכקייט אין אונזער יידישן לעבן. עס קומט נישט אַנדערש אויס ווי צו זיין „מצדיק את הדין“! און אויב מען האָט נאָך עפּעס איבעריק פאַרן פאָלק — עס באַוויינען און באַקלאָגן.

יאָ, מיר יידן, צום נייעם יאָר, מאַכן נישט קיין סך הכלן, מען קלאַפּט זיך על חטא און מען וויינט און מען קלאָגט — עס איז טראַדיציע!

און אויב די טראַדיציע וועט זיך אַזוי ווייטער ציען און מיר וועלן נישט „גיין אין פאָלק“ מיט אונזער אַרבעט (נישט רק עס וועלן בירשענען!...) וועט די אַסימילאַציע (זי איז נישט נאָר געווען אין די סאָציאַליסטיש־לאַנדסמאַנשאַפטלעכע און ציוניסטישע פעראיינען — זי איז אויך נישקשהדיק אין אונזערע קולטור־סעקציעס!...) האָבן געזיגט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט און עס וועט נישט בלייבן פון אונז, חלילה „מחוט ועד שרוך נעל“, אַ חוץ די איינגעבויסענע חלוצים אין דער ארץ ישראל ערד, די עובדי האדמה אין ישראל און די געציילטע עובדי השם, צעשפּרייטע איבער דער קיילעכדיקער ערד.

אויב אונזערע קולטור־טוער זיינען צופיל פאַרטון מיט זיך, נישט אָרגאַניזאַציע פעאיק, אָדער אפשר גאָר שוין פויל און רעזיגנירט, איז עס אַן עס.אָ.עס־וואָרענונג צו אונזערע באַוועגלעכע און טיכטיקע פּאָליטיקער און מלוכה מענער, — אויב זייער פּאָליטיק און מלוכה־חוש איז באמת מיט אַ לאַנגען אויסבליק! — אַז אַן גרויסן יידישן קולטור קרייז אין חוץ־לארץ, וועט דער קרייז פון ישראל גאַנץ ענג ווערן... און אויב מיר האָבן שוין דערגרייכט אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע און אַדמיניסטראַציע מאַשין און אויך אַ

מלוכה כוח אין חוץ לארץ, מיט ביוראָס און פרעסע אטאשעס, האבן זיי אויך אחריות און אויפגאַבן פאַר קיום פונם גאנצן יידישן פאָלק.

אָדער דרייט זיך נאָך אַלץ ביי אונז, ווי די ערד אַרום די זון, אַרום די פולע ערב יום כפור קערה אויפ׳ן בעלעמער? האלטן מיר נאָך אלץ ביי דער אלטער יידישלעכער „לות״־טראַדיציע?

## 2. א צדוק־הדין צום 10־טן יאר פונם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

יעדער שטריך אונטער אַ חשבון איז רויט געצויגן און דער דיקער סך־הכל־שטריך אונטער דער סומע איז נאָך בלוטיקער. מיר מענטשן, אפנים, וועלן זיך שוין נישט אויסחשבונען צווישן זיך, סיידן — „בין אדם למקום״! די חשבונות בלייבן אַפילו אין אייגענעם איך קיינמאָל נישט דערערכנט...

נישט בחינם איז דער יום־כפור־טאָג ביי יידן דער גרעסטער טאָג, ווייל ער איז דער גרעסטער אויפטו פון דער יידישער פאלקס־פאנטאזיע, אפילו ווען ס׳זאָל האָבן אַ שטיקל שייכות מיט יידישע סוהרישקייט, פון אָנהויבן אַ נייעם בלאַט, פון „פאַריערן״ און אַוועקשטעלן דעם אַלטן חשבון, — בלייבט דאָך דאָס גרעסטע וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט געשאַפן, דער: „וסלחתי כדברך״! עס איז די איינציקע מעגלעכקייט פאר מענטשלעכן מין, פאר קיום האנושי ווייטער צו קענען אָנגיין, פריש צו קענען אָנהויבן, כדי ווייטער צו קענען לעבן, נישט אינגאנצן זיך מיאש צו זיין און חלילה משוקע צו ווערן אין די מ״ט־שערי־טומאה, שוין קיינמאל מער זיך נישט צו קענען מער דערהויבן... אין זיין מעמקימדיקייט דערגרונטעוועט ער זיך צוריק צו איך, צום אנוכי — צו גאָט!

די קריסטלעך־קאַטוילישע־ און די אייראָפּעאישע קולטור־וועלט, נעמט אויף דעם גרויסן יידיש־שעפערישן געדאנק, אבער זי נעווילירט אים און מאטעריאליזירט אים גראשענדיק ביז צו דער נידריקייט פון „אבסולטאציע״ און צעפיצלט אים צו—פסיכאָאַנאַליזאַציע... ס׳איז ניט מער ביי זיי קיין אַבסאָלוטער גייסטיקער ענין פונם מענטשלעכן ריינעם געוויסן, אַ דערגרונטעוועןזיך ,בין אדם למקום״ און „בין אדם לחברו״, נאר עס ווערט א פארוויקלטער חשבון וואָס דערפירט צו גייסטיקן און פיזישן באנקראט — העכסטנע צו דעגענעראַציע...

נאָך די פארגאנגענע גרויליקע 10 יאר, וואָס זיינען גורלדיק געווען — די 60 מיליאָן געהרגעטע און פארקריפלטע מענטשן אין קריג, און די 6 מיליאָן פארשניטענע און פארטיליקטע יידן, — און די וועלט גרייט זיך ווידער צו נאָך א גרעסערן בלוט־באד, קומט באמת נישט אנדערש אויס ווי צו זיין „מצדיק את הדין״.

אפּנים, די קולות וברקים פון די פליי־באָמבעס און די „מאָלאָטאָוו־קוישן״ גענוגן אונז נישט! עס מוזן טאַקע ערשט קומען די אַטאָם־באָמבע־



אויפרייסן, כדי צו דערהערן דעם „סלחתי כדברך״, אין אונזערע צעריסענע הערצער? אָרעמער מענטש, נעבעך — „מלך אביון״!

אָ, וועט מען דעמאָלט הערן אַ ביסל על־חטא־קלעפּ און דער רע־גיסטער וועט נאָך זיין אַ סך אַ לענגערער ווי אין אונזערע מחזורים „כמהג ספרד אשכנז ופולין״...

## א „פרייער־בוך״
### פאַר גאלאנץ׳ן

צום געטע־פרייז און צום דאקטאר־טיטל
נאָך איין מתנה זאלן זיי אים צוגעבן, —
עס גייט דאָך צו די ימים־נוראים,
צום הייליקן טאג פון מחילה און פארגעבן; —

זאלן זיי אים שיקן אַ „פרייער־בוך״,
אין אילזע קאכ׳ס קינדער־הויטן איינגעבונדן,
ביים לעבעדיקן לייב, פארבלוטיקטן,
פון צאַפּלדיקע עופהלעך אָפּגעשונדן.

מיטן געטע־אָרדן אין זיידן־לאַץ,
פאר גאט מיט אזא מחזור אז ער וועט טרעטן,
וועט ער פאר זיינע גוטע דייטשעלעך
זיכער א שנת מחילה וסליחה אויסבעטן....

## מיין ווידוי

נישט פאר א גאז־קאמער טיר איך בין געשטאנען,
און נישט דעם קרעמאטאריום רויך איך האב געזען;
ווער ווייסט וואָסער אומווירדיקייטן כ׳וואָלט געטון,
ווען איך וואָלט צווישען די געמאַטערטע געווען.

און איצט ווען אונזער ערד מוז ווערען צעאַקערט,
הענגען מיינע הענט אַראָפּ שליאַבריק פויל און מיד;
מיינע פינגער געווינט נאר זילבען צו ציילן,
גלייך ווי זילבער־שטיקלעך ס׳ציילט א סוחרישער ייד.

אז „הייליק, הייליק״ שעפּטשן רק מיינע ליפּן,
און די ווערטער אויף זיי קייקלען זיך אזוי גרויס!
אָ, עס ווערט מיין הארץ אין מיר פארקוילט און צעשטויבט —
אַש וואָס קומט פון קרעמאטאריום־אויוון ארויס.

## צו תפילת זכה

פאר דער כותל־מערבי זיצט גאָט, כביכול,
א בעטלער וואָס ציילט קופּערנע גראשנס אין זיין האנט,
אַרויסגענומענע פון „רבי מאיר בעל־נס“,
וואָס מאמעס אריינגעוואָרפן פאר הייליקן לאנד.

ווי געוואַלטיק ווי גרויס ס׳איז דאס אזא פושקע,
אין איר אַריין מ׳וואַרפט צוויי טויזנט יאָר נאכאנאנד!
יעדע ליכט־בענטשן־זון — פאַלנדיק געלד־שטיקל,
אין דער געשטאָפּטער פושקע פול שוין ביז איבער ראנד.

אָפּגעציילט די גראָשנס, זאָגט גאָט תפילת זכה,
איינגעהילט אין טלית, נישט צו זען אים אין זיין שאנד —
ס׳איז דער כותל־מערבי גאָטס האַרץ, כביכול,
און ער פאלט פינסטער מיטן קאָפּ אויף דער מערב־וואנט.

## שעיר-לעזאזל

(אַ תפילה פון אַ די.פּי.־עולה.)

„והשעיר אשר עלה עליו הגורל לעזאזל יעמד חי לפני אדוני“

פון גרוילן און פון געטאָס און פון גאַז־קאַמערן,
פון גאַנצע משפחות געראַטעוועט איינער אליין,
נישט דורך ימים — דורך בלוטן דערשווימען אהער דא!
פאַר אייגען פאָלק איצט דער שעיר־לעזאזל צו זיין.

נישט מיינע אייגענע חטאים איך טראָג אויף זיך,
ס׳איז נאר דער גורל אזוי אויסגעפאלן אויף מיר גראד!
אַז אַזוי עס איז, אז אויף דעם איך בין געבליבן,
דאס איז פון מיין געראַטעוועט־זיין די געטלעכע גנאד.

אז איך הער קנאַקן מיין געביין, רייסנדיק די בערג,
ווייס איך: איך בין נישט איבערגעבליבן אזוי זיך סתם!
נאר ווי, אויב יענער, וואָס זיין גורל איז לאדוני,
נישט אינגאַנצן אויפגיין וועט אין זיין קרבן עולה פלאַם.

## א תפילה

ווי ליים אין די הענט פונם טעפּער זיינען מיר דאך,
איבער פלאַמען געהאַלטן ביז געפּאַרעמט און פאַרענדט — —
גאָט, כדי צו צעברעכן ווי אַן ערדענעם טאָפּ,
האָט דו געהאַלטן איבער אונז די שיצנדיקע הענט?



ווען אין קרעמערטאָריום און אין שייטערהויפן פלאַם,
אונזער לייב און לעבן איז געוואָרן איבערגעברענט,
מיר האָבן דיך נישט פאַרלייקנט, און גלויביקע
ביז צו דער לעצטער רגע די אויגן צו דיר געווענדט.

קאָן דען אריין אין א טאָפּ מער ווי ר׳קאָן פאַרנעמען?
נישט אין אונז מער, נישט אין אונזער כח איז עס געווענט!
גאָט, ווי איבער א פול מעסטל וואָס גייט איבער שוין,
האַלט דאך ווייטער איבער אונז דיינע שיצנדיקע הענט.

---

## אפרים טויבענהויז (ישראל)

# ווי מען פייערט ראש השנה ביי די פרומע יידן אין אלט ירושלים און אין דער שטאָדט פון די מקובלים צפת *

ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ראַנגלען דאָס נייע מיט׳ן אלטן דעמאָלט אין ירושלים. די„פּורצי החומות“ זיינען געווען אנטקעגן די „שומרי החומות“ און מיט׳ן וואוקס פון ניי ירושלים איז אלט־ירושלים אַוועק אין שאָטן.

אבער אויך דאס נייע ירושלים איז געוואָרן פאַרטיק בעת ס׳פלעגן אנקומען די ימים נוראים.

די פאַרכטיקע שטימונג האט מען שוין דערזען אין די ערשטע סליחות נעכט.

מאיר׳ל טויבענהויז איז אוועק צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן זיינעם צום קבר פון דער מאַמע רחל כדי זיך אויסבעטן א גוטן נייעם יאָר.

אגאַנץ יאָר איז דער דאָזיקער קבר פאַרמאַכט נאר אין חודש אלול ווערט ער געעפענט.

מען זעט דא קומען יידן פון די פאַרשיידענסטע לענדער: תימנער אין זייערע אַראַבישע העמדער־כאַלאַטן. ספרד׳ישע יידן מיט די רויטע פעסקעס אויף די קעפּ, די הויכע בוכאַרער יידן מיט די לאַנגע בערד און זייערע האַלב קאַזאַקישע מלבושים, חסידישע יידן פון דעם פּוילישן און גאַליציאַנישן שטייגער מיט די שטריימלעך אויף די קעפּ, אנגעטון אין די ירושלים׳ער כאַלאַטן, און אויך אייראָפּעאיש געקליידעטע יידן, אויסגעפּוצט אין שיינע קאַפּאָטעס.

אַ סך פון זיי זיינען וואַך די גאַנצע נאַכט פון ערב ראש השנה. מען זאָגט דאַן תחינות און תפילות, איר הערט די תפילות אין פאַרשיידענע שפּראַכן. אט איז א יונגע פרוי פון די קאווקאַזער בערג אינגאַנצן אין שוואַרצן

* אַ קאַפּיטל פון נייעם העברעאישן בוך „תולדות בית טויבענהויז“.

געקלײידעט, גייט זי צו שטילערהייט, מיט געמאסטענע טריט צום קבר שטיין און פארגייט אין די תפילה געוויין אין איר טאטיש־גרוזינישער שפראך פון די קאווקאזער בערג. ניט ווייט פון איר שטייט אן ענגלישער ייד, מיט א ראזירט געזיכט, האלט אין האנט אן ענגלישע „ביבל״, און זאגט א שטילע, הארציקע תפילה אין ענגליש, אנשפארנדיק זיך אויף דעם שטיין פון דער מוטער רחל.

## אין חברון אויף קברי אבות

ס׳פלעגן אויסקלינגען די גלאקן א תפילה אין אוונט פון די ארומיקע קלויסטערס בעת מאיר׳ל טויבענהויז פלעגט אוועק מיטן רבין זיינעם קיין חברון. טרוימעריש פארגאפט פון דער שטילקייט ארום פלעגט ער איבערחזרן שווערע „סוגיות״ פון דער גמרא.

דאָס איז ערשט געוואָרן באַנייט דער מנהג צו פאָרן קיין חברון מתפלל צו זיין ביי דער מערת המכפלה. אין די פריערדיקע אלול צייט איז אויך דער מנהג צו פארן קיין חברון מתפלל זיין ביי דער מערת המכפלה. אין די פריערדיקע יארן האבן די אראבער קיינמאל ניט אריינגעלאזט די יידן אין דער מערה. אפילו ניט אויף דעם הויף וואו די מערה געפינט זיך, נאר די יידן פלעגן ארויפגיין אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום הויף, און ביי דעם זיבעטן טרעפּ איז פאראן א לאך אין דער וואנט, און דארט פלעגט מען מתפלל זיין און אריינוואַרפן אין דעם לאך קוויטלאך.

דער דאזיקער מנהג צו פארן קיין חברון ווערט זייער שטרענג אפגעהיט. עס איז פאראן אן אלטע טראדיציע ביי די פרומע יידן אין ארץ ישראל, אז אין חברון מוז מען אין די ימים נוראים — ראש השנה און יום כפור — האבן א מנין צום דאוונען, ווייל אין חברון ליגן די אבות, אברהם, יצחק און יעקב, אין דער מערת המכפלה, און ווען זיי הערן די יידישע תפילות אין חברון זיינען זיי מלמד זכות אויף די יידן אין הימל.

ארום דער דאָזיקער טראדיציע זיינען פאראן שיינע לעגענדעס. עס איז זיכער, ווען דער בית המקדש איז נאך געשטאנען, האט מען שוין פארבונדן חברון מיט די ימים נוראים. עס ווערט דערציילט אין דער גמרא, אז יעדן יום כפור פארטאג, פלעגט איין וועכטער אין בית המקדש אויסרופן צום צווייטן וועכטער: „צי איז שוין טאג? האט דער מזרח אויפגעשיינט ביז חברון״ — פלעגט דער צווייטער ענטפערן. די גמרא זאגט, אז ער האט דאס געזאגט כדי צו דערמאנען דעם זכות פון די ישני חברון, די וואס שלאפן אין חברון, די אבות.

## אין צפת — די שטאָדט פון די מקובלים

די צפת׳ער יידן היטן אפּ דעם מנהג צו באזוכן דעם קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי אין מירון. זיי האלטן פאר א גרויסע מצוה צו נעכטיקן א נאכט ביים קבר פון גרויסן גאון, דער שעפער פון „זוהר״ און „תקונים״. דארט ביים קבר זאָגן זיי ספּעציעלע תפילות און פיוטים.



און אז עס קומט ראש־השנה פילט זיך שוין דער ייד ווי געלייטערטער פון אַ גאַנצן חודש סליחות און תפילות. 2 טעג ראש־השנה דאוונען די ארץ־ישראלדיקע יידן אין שולן און בתי מדרשים. די תפילות טראגן זיך מיט הייליקער יראה און אלט־ירושלים, פון צפת — די שטאט פון מקובלים, דאס געזאנג פון די ראש־השנה׳דיקע פיוטים הערן זיך מונטער איבער דער מאדערנער פרייער שטאט תל־אביב.

און אז עס קומט צו „תשליך״ ווערן די גאסן וואס פירט צום ים פארפלייצט פון טויזנטער יידן אין שטריימלעך, און היט, פרומע און נישט קיין פרומע ציען זיך צום ים, וועלכע איז גרייט אויפצונעמען די „זינד״ וואס תל־אביב וועט באלד אַהין אַריינוואַרפן.

און דער ים איז אין ראש־השנה מערער מאל אזוי שטיל רואיק, פאלדעוועט זיך אין בלויע, שומיגע כוואליעס, און ביים ברעג שטעען טויזנטער טויזנטער, יידן — חסידים — אין שטריימלעך אין פילצענע היט, מאדערן געקליידעטע, פרומע ווייבער מיט פארוקן איבערן שטערן. עלעגאנט געקליידעטע דאמעס מיט מחזורים אין די הענד. תימנער אין ווייסע ליוועגטע אנטורעכץ מיט גליאיקע אויגן און געקרייזעלטע פאות שטעען גרופּעסווייז מיט סדורים אין די הענד. די צונויפגעדרענגטע צענדליג טויזנטע מאסע באוועגט מיט די ליפן, מורמלען די תפילות, „ותשליך במצולות ים כל חטאתם״ — און דער בלויער אויסגעשפרייטער הימל איבער די קעפּ איז א עדות צו די אויפריכטיקע תפילות פון יידישע הערצער — און דער ים גופא ווי ער וואָלט אויך מיטגעמורמלט און מיטגעברומט מיט זיין אויפעריקן ימישן דאוונען.

## ווי אזוי ירושלים און צפת פּראַוועץ תשליך

גוט איז די שטעט אין ארץ־ישראל וואס האבן דעם ים צופוסענס. תל־אביב, חיפה, נתניה, הרצליה און נאך אנדערע ישובים פּראַוועץ דעם „תשליך״ אין דעם גרויסן טיפן ים. אבער ווי איז זיך נוהג די פרומע ירושלים, די צפת וועלכע פארמאָגן נישט דעם ים? אנשטאָט וואַסער האָבן זיי אַרום זיך פעלזיקע בערג.

צפת פארמאגט נישט קיין טייכן, פארמאגט נישט דעם ים — אבער זי איז באשאנקען מיט אַ זויבערע דורכזיכטיקע, געזונטע לופט, און ווער ס׳האָט געהאט א געלעגנהייט צו געפינען זיך אויף די צפת׳ער בערג ווייס דעם סוד פון „קְפיצת הדרך״ פון דערנענטערן צו זיך ווייטע וועלטן. דאָס אויג דערגרייכט דעם ים־התיכון, דעם ים־כנרת. פארבאָרגענע וועלטן אנטפלעקן זיך מיט דער גאנצער שענקייט ווי אין דער סודות׳דיקער לערע פון קבלה.

קומט צו „תשליך״ פארזאמלען זיך די צפת׳ער יידן אויף די בערג פון גליל. זיי פילן אן די פלאכע דעכער און געדרייטע טרעפּ מען זעט פאר זיך א וואונדערבארן בילד וואָס מען טרעפט עס נישט אין קיין שום ארט. יידן מקובלים מיט געדרייטע פאות, מיט געשטרייפטע כאלאטן און ווייסע זאקן,

ספרדישע יידן אין פאטשיילעס אויף די קעפּ, יידן פון בבל און פון פּערסיע זענען אויסגעשטעלט אויף די בערג, אויף די דעכער, זאגן „תשליך" און די אויגן שלינגען די בלויע וואַסערן פון ים־כנרת ווי ער וואלט געלעגן אט אזוי נאענט פאר זייערע פיס.

אויף באזונדערע דעכער פארזאמלען זיך די צפת׳ער ווייבער אויסגעצירט אין ווייסן מיט צירונגען און קאפּ־טיכלעך. אלט און יונג, יידן פון פארשידענע עדות שיקן זייערע תפילות צום ווייטן ים כנרת, וואָס ליגט אַזוי „נאָענט" פאר זייערע פיס.

די מער דרייסטערע יידן קלעטערן ארויף נאך העכער איבער די בערג ביז זיי דערגרייכן דעם „שלאס", דאס איז די פארצייטיגע פעסטונג „יודפת" וואו אונזערע פארצייטיקע יידישע גבורים האבן געקעמפט פארן כבוד און שטאלץ פון פאלק ישראל. אט פון יענעם הויכן ארט זעען זיי נאך דייטלעכער דעם ים־כנרת און זאגן מיט התלהבות דעם „תשליך".

דערפאר קען שוין ירושלים נישט זען דעם ים אפילו פון דערווייטן. אַ חוץ פון געציילטע ערטער וואָס מען זעט דעם ים־המלח. פארזאמלען זיך די ירושלימער יידן צו „תשליך" ביי די „בורות" — דאס זענען קוואלן וואס זאמלען אין זיך איין דעם רעגן־וואסער. אט ביי די פארמאכטע קוואלן — וואָס מען זעט נישט פאר די אויגן קיין וואסער — קומען זיך צונויף די יידן פון ירושלים און זאָגן די תפילות. מען שאָקלט די קעשענעס און מען וואַרפט די „זינד" צום קוואל מיט רעגן־וואסער.

אויב ירושלים פארמאגט נישט קיין ים — איז זי פארהייליגט מיט דעם כותל המערבי — אט דארט אהין ציען די פרומע יידן מיט זייערע תפילות. אין אלט שטאט **אויף דער חורבה־שול** פירן געדרייטע טרעפּ אויף הויכע שטיגן, אויפן סאמע העכסטן אָרט אנטפּלעקט זיך די אומגעגענד מיט דער שענסטער פּראכט. בערג און טיפע טאלן בלויען זיך און פארגייען אין וואונ־דערבארע פארבן — און אין צווישן בלויט זיך דער ים־המלח — אט פון דעם הויכן ארט זאָגן יידן דעם „תשליך" און שיקן אין דער ווייט דעם „ותשליך במצולות ים כל חטאתינו".

---

## א הארציקן מזל טוב

צו דער חתונה פון דעם יונגען פּאָעט **אברהם פּנחס ציקערט.**

אין נאָמען פון „לשון און לעבן" און פריינט פון יידיש לשון,

א. נ. שטענצל.

---

מזל און ברכה ווינטשן מיר אונדזער פריינט, דעם דיכטער **אברהם פּנחס ציקערט** צו זיין חתונה מיט **שירלי ראוז** אין מעלבורן, אויסטראליע.

אליהו, גיטעלע און יוליה פייגעלע פּאלושאק.



משה עובר

# א געראַטעוועטע נשמה

עס וואָלט געווען אַ פארברעכן נישט צו דערציילן די געשיכטע. עס האט נאר איין חסרון, עס שטעלט דעם דערציילער אין אַ צו שיינע ליכט וואָס ער איז עס נישט ווערט.

געשען איז עס אַזוי:

מיט עטליכע חדשים צוריק איז אריין אין מיין חדר־מיוחד אַפרוי אין מיטגעבראכט מיט זיך אירע אומגעפער 35 יאָר. און זיי האבן פון איר ארויס־געקוקט פון יעדן ווינקעלע.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ביי איר נאמען (צום גליק האב איך דעם נאמען פארגעסן אים דא צו דערמאנען, ווען עס מיר פארשפארן א בילבול־פּראצעס) איך האב זי באטראכט און ס׳האָט זיך געלוינט זי צו באַטראכאַטן! אמת איך האב שוין געזען העלזער פון פיינערן מארמאר, אויגן גרעסערע און פאר־חלומטערע און ליפּן רויטערע — אפילו פון קאשמיר רובינען.... אבער די פרויס שיינקייט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר לויטערער ריינקייט און נאטירליכקייט און דאס איז אַ יקר המציאות אין אונזער אנעמיש בלוטיקן יאר הונדערט. אויך די איינפאַכקייט פון איר קליידונג האט צוגעצויגן, סיי אין שניט סיי אין קאליר.

זי איז אריינגעקומען כ׳זאל איר בארגן א שטיקל צירונג לכבוד אַ פּיי־ערונג וואָס זי אַראַנזשירט און דאס שטיקל צירונג זאל דערוואַרעמען און באַשיינען די אויגן פון אירע געסט וואָס וועלן עס זען.

פרעג איך זי אַ פאַרכאַפּטער: ווער ביסטו? פון וואָס פארע קולטור־ווינקל שטאמסטו? און וואָס איז דיין פראָפעסיע? ענטפערט זי: „איך בין ענגליש געבוירן און דערצויגן, מיין קולטור־ווינקל פון ווי איך שטאם איז אט דאס צימערל און מיין פראָפעסיע איז זשורנאליזם. ווער איך נאך מער פאראינ־טריגירט און וויל ווייטער פרעגן. אָבער זי לאָזט נישט — פרעגט בעסער נישט, איך וועל אייך אלעס אליין דערציילן, ואלה הדברים, דאס זיינען די רייד:

„ווי איך זע, האט איר מיך אין גאנצן פארגעסן אבער גוט אַזוי. איך בין סייווי נישט די זעלבע וואָס איז דא פאר אייך געזעסן מיט עטלעכע יאר צוריק. דאמאלט בין איך געווען א „פעשאנאבל לעדי", פארברויכט מער ווי מיין הכנסה האט ערלויבט, און איך האב זיך געבעטן איר זאלט מיר פאר־קויפן אַן אימעטאציע בראשע אבער איר האט עס נישט געוואָלט מיר צוליב טון. איך האב געוואָלט פארבלענדן מיינע „פעשאנאבל" פריינד זיי ווייסן דאך נישט דעם אונטערשייד צווישן אמת און פאַלש. אבער איר האט אלץ נישט געוואָלט, בין איך געפאלן אויף די קניען זיך געבעטן ווי ביי אַ גזלן איר זאלט מיר פארקויפן א שפּילקעלע האט איר מיך אויפגעהויבן אוועקגעזעצט

אויף אייער פאטער שטול און געזאגט צו מיר אַזוי:

„דו דאַרפסט נישט קיין שפּילקע נאַר אַ היילונג. הער! פאַרקויף דיין לוקסוס מעבעל און דיין שמוק, דינג דיר איין שיינע לופטיקע שטוב און מעבליר עס מיט זאַכן פון ריינעם עסטעטישן געשמאַק, און גיי נישט נאָך די מאָדעס פונעם סעזאָנס משוגעת. באַפריי זיך פון דעם יצר הרעדיקן מאַגנעט פון אונזער ציוויליזאַציע, וואָס שלעפּט ס'מענטשלעכע מין אין תהום אַריין. דו וועסט זען ווי ס'וועט זיך עפענען פאַר דיר ליכטיקע האָריזאָנטן פון אַ ריאַלעזירענדער האָפענונג".

„איך בין אַוועק בייז און ברוגז וואָס איר האָט מיר אָנגעפּרעדיקט אַ פולן קאָפּ. איך האָב ווייטער געלעבט מיין זינדיק פאַרפּלאָנטערט לוקסוס לעבן און ס'איז מיר ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

עטלעכע וואָכן זיינען אַוועק נאָכגעשלעפּט פון די פריערדיקע ווי אַ שלאַמפּער שלעפּט נאָך בלאָטע און איר זענט מיר געקומען צו חלום. אָנגעטאָן אין אַ טונקל גראָען צוריסענעם זאַק אין דורך די געוואַלדריסן האָבן אַרויסגעשטראַלט איידעלשטיינער ווי שטערן דורך אַ שטורמדיקן פינסטערן צעריסענעם הימל און צו מיר אַזוי גערעדט:

„דערמאָן זיך די ווערטער איך האָב אין דיין האַרץ פאַרזייט! לעב לויט די ווערטער וועסטו זיין אַ געראַטעוועטע", און אַזוי ווי איר האָט פאַרלאָזט מיין שלאָף צימער ווערט מיין צימער פוסט, די ווענט און סופיט שיילען זיך אַוועק און פאַרשווינדן. און איך בלייב אין אַ הימלישן הלל אַרום און אַרום.

אַ דערשראָקענע האָב איך זיך אויפגעכאַפּט גלייך געמאַכט דעם אינווענטאַר פון מיין האָב און גוטס, און גאַנץ פרי איז שוין געשטאַנען אַ לאַסט וואָגן פיר מיין טיר וואָס האָט אַוועקגענומען מיין לוקסוס מעבעל געשיר און אַלעס וואָס האָט פאַרפּעסטעט מיין נשמה.

אין פאַרלויף פון אַ חודש האָב איך שוין געוווינט אין אַ שיין און איינפאַך מעבלירט צימערל און אַ קיכעלע צוגעצויגן צו זיך די ערליכסטע שרייבער און מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ חודש זשורנאַל. און היינט פייערט מען דאָס דריטע יאָר זייט ער איז געוואָרן געגרינדעט. ווייל איך איר זאָלט מיר באָרגן אַ שטיקל צירונג וואָס זאָל פאַרשיכורן מיינע פריינד ווייל קיין אַלקאָהאָל טרעט נישט איבער מיין שוועל". כ'האָב איר געבאָרגט דאָס פיינסטע שטיקל אַנטיק צירונג. עס איז אָבער ניט געווען גוט גענוג פאַר אַזאַ געראַטעוועטע נשמה.

---

## מאָטל טאַבאַטשניק און גאָלדע סאַמערפעלד

מזל טוב צו זייער חתונה

פריינט י. וואָולף און פרוי אַ האַרציקן מזל טוב צום געבוירן פון זייער צווייט איניקל יוסף

פיל נחת ווינטשן מיר פרוי סאָלאָמאָן צו דער חתונה פון איר זון.
פריינט פון יידיש לשון.

---



## מאַקס הערשמאַן

## איך פרעג!

פון סוף־זומערדיקע טעג דער טיפער טרויער
צעהאַנגען איז אויף בלום, אויף ווערבע און אויף בוים;
ס'טראָגט זיך מער שוין ניט צום צוגענייגטן אויער
דאָס פריילעך־לעבהאַפטיקע ליד פון זומער טרוים.

אָפּגעטאָן פון זיי האָט זיך די פרייד פון בליאונג
און שטומע וואַרטן זיי, אין וועלקונג, אויפן טויט;
קומען וועט ער אויף אַ זונען־שטראַל אָן גליאונג,
וואָס צאַנקט און לעשט זיך, ווי אַן אויסגעברענטער קנויט.

זיך אומקערן צו זיי וועט דאָך דער זומער,
און טרעלן ווידער וועט פון בליאונג דאָס געזאַנג —
אייביק וועלן זומער־לעב און ווינטער־שלומער
זיך בייטן, ווי פון זון דער אויפגאַנג און פאַרגאַנג!....

האַרץ מיינס, זאָג, וואָס פילסטו אין אַזוינע שעהן?
איך פרעג! — קיין ענטפער אָבער מאָן איך ניט פון דיר; —
כ'ווייס, ווען ווינטער וועט אויף אונדזער שוועל שוין רוען,
אַנטשוויגן ווערן וועט אויף אייביק אונדזער שיר!....

---

## י. ביעטש

## „דאָס יידל"

שמואל דער שוואַרצער, אָדער דאָס יידל, ווי דער עולם האָט אים גערופן, איז געווען קליינגעוויקסיק, מיט אַ געדיכט שוואַרץ בערדל, וועלכעס האָט אַרומגענומען זיין קיילעכדיק תמיד שמייכלדיק פּנים, אַזוי אַז ס'האָט זיך בלויז אַרויסגעזען די ברייטלעכע פליישיקע נאָז, וואָס האָט בשעת זיין ריידן אויסגעזען, ווי אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי טיפע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געלייגט פון ביידע זייטן פון זיינע נאָז פליגלען.

געקומען איז ער אין דער גרויסשטאָט לאָנדאָן, איינם יאָר, אין וועלכן איז נישט וויכטיק! — נאָר אַז ער איז שוין איינם לאַנד אַ דרייצענדליק יאָר און אפשר מער, דאָס באַשטעטיקט דאָס קליין צוגעשוירן לאַפּאַטע בערדל, וואָס איז דורך דער צייט שטאַרק גרוי געוואָרן. אַ מחשבה קאַלט ווי פראָסט, פלעגט דורך זיין לייב, בשעת ר'האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם. מיט אַ שווערן זיפץ צו זיך זאָגן; יאָ, מען ווערט אין דער שטורמדיקע שטאָט גרוי נישט פון נחת... ר'האָט זיך געחידושט, ווי די יאָרן לויפן נישט באַמערקטערהייט געשווינט אַוועק. און וואָס? די נישטיקע פאַרדינסטן פונעם געוועלבל

פון שניידער צודאטן משטיינסגעזאגט, וועלכעס זיין ווייב די ליטוואַטשקע גייט דערמיט אום. אַ גליק וואָס ר׳האָט זיך באַצייטנס געכאפט, צו זיין איצטיקע פרנסה אלס „אינשורענס״ אגענט. וויפיל ווייטאגן און יסורים איז ער אויסגעשטאנען ביז ר׳האָט דערגרייכט צו דער דאָזיקער פּאָזיציע. אמת אַז ר׳האט דורך דער צייט געמאכט א סך באקאנטשאפט, אבער דאס האט אלץ געהאט צו טאן מיט ביזנעס אנגעלעגנהייטן, וועלכעס האט ביי אים צוגענומען יעדעס שטיקל פרייע צייט, קיין אינערלעכן גענוס האט ער אבער פון דעם נישט געהאט.

זיין איינציקער פארגעניגן איז געווען, ווען ס׳וועטער איז געווען שיין, די שווערע וועגענער און אטאמאבילן, האבן גראד נישט געהאקט אין די אוירן, צו שפּרייזן איבער דער גרויסע און אפענע גאס אין ווייטשעפל, און מיושבדיק, ווי אַ תלמיד־חכם טראכטן, אז אלץ־אלץ, וואָס געפינט זיך צווישן הימל און ערט איז פול מיט בייזקייט און רשעות. די מענטשן האבן זיך פאר אים געוויזן אין אזוינע געשטאלטן, וועלכעס זיין ערנסטע נשמה קען נישט פארליידן. ער האט נישט געוווסט מיט וואָס צו פארענטפערן, די גזילה פון זיין גרויסער אמונה און בטחון, אין א וועלט פון יושר און אמת. א וועלט פון ליבע צום מענטש, אנשטאט שנאה, קנאה, די דאזיקע וועלט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן ביי אים אין הארץ, זיין וועלט פון אמת׳ר ליבע, האט זיך אין גאנצן אויסגעוועפּט. זייענדיק אַזוי פארנומען מיט זיינע טרויריקע מחשבות. וועגן מענטש און לעבן, האט עפּעס ווי מיט אַ כוונה גענומען זיך פלאָנטערן אין זיינע געדאנקען... אז די גאנצע צרה דערפון איז, וואס יעדער איז צופיל פארנומען מיט זיך און וועגן זיך. אין תוך, האָט ער געטראכט, איז פאר ערענטלעכן און ערלעכן מענטש, אין דער איצטיקער שטורמישער צייט, שווער צו עקזיסטירן. זיין קליין לאפּאטע בערדל, האט עפּעס ווי פון זיך אליין אונטערגעהויבן, ר׳האָט אַ מאך געטאָן מיט זיין האנט ווי איינער זאָגט נישקשה, מען וועט שוין אויסקומען, א ייד טאר נישט פארלירן זיין בטחון.

באַקאַנטע האט שמואל געהאט אסך, אבער נאנטע מענטשן, פאר וועמען זיך ארויסריידן פון הארץ, גאר ווייניק. אויסער אז ס׳האָט אמאל זיך געמאכט א שטיקל יום־טוב ביי א באקאנטן אדער א לאנדסמאן, פלעגט ער מיט גרויס נייגיר זיך צו הערן, ספּעציעל ווען זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין הויכן שמועס, מכוח דער לאגע אין פאלעסטינע, און דער פּאָליטיק מיט דעם ווייסן בוך, וועלכע וויל ממש האלטן געשלאסן די טירן פאר יידן, וועלכע ווילן אריינקומען אינם לאנד, אינם לאנד פון די אבות. פון וועלכן ער חלומט און טראכט אזוי פיל. א פארביטערטער פלעגט שמואל ביי אזעלכע געלעגנהייטן זאגן. ענגלאנד איז טאקע א פריי לאנד, די מענטשן לעבט זיך נישקשה׳דיק, אָבער שטארבן איבער הונדערט און צוואנציק יאָר וויל איך אין ארץ־ישראל.

האט ווער פון די לאנדסלייט אים געפרעגט, ווי לאנג ס׳איז זינט ר׳איז אוועק פון דער אלטער היים, און צו ספּארביינגט זיך אים אמאל נאך דעם לעבן אינם שטעטל ר. וואו ר׳איז געבוירןגעוואָרן. ביי די דאָזיקע פראגן,



פלעגט שמואל באזונדערס זיך פארטראכטן, אזא טבע האט ער געהאט, בעת מען האט אים דערמאנט וועגן דעם. א ים פון זכרונות האט תמיד אין זיין מחשבה אויפגעטויכט. זיינע רעיונות האבן אים אין אזעלכע מינוטן פארטראגן ערגעץ ווייט, הן אין שטח, הן אין יאָרן, צום שטעטל, וועלכעס דערמאָנט אים אַ סך ביטערע אנטוישונגען, אָרימקייט, דחקות, פונדעסטוועגן עפּעס איז יאָ געווען, וואָס דערמאָנט אים אין זיינע יוגנט יאָרן. דאָס פריילעכקייט פון די שבת׳דיקע נאָכמיטאָגס, און דעם טעם פונם גלעזל ביר, וואָס מען האָט געקריגן ביי דעם לאנגן פנחס, אינם שענקל, אויף דער יידישער שטאט נעבן דער שול. ר׳האָט ביי זיך געטראכט, אַז די אלע יאָרן, וואָס ר׳איז דאָ אינם לאנד, האָט ער געטרונקען פארשידענע מינים ביר, אָבער צו אזא ביר, וואָס מען האט געקראגן ביי דעם לאנגן פנחס, קומט עס נישט.

הגם דאס האט ער שוין לאנג געלאזט הינטער זיך, האט ער זיך אבער שטארק געחידושט, וואָס בשעת ר׳דערמאנט זיך וועגן דעם לעבן אינם שטעטל, קריכן אין זיין מוח פארשידענע געדאנקען... עפּעס שניידן זיך אריין אין די אויגן און זכרון, זאכן מיט אזא קאלטע קלארקייט, ווי ר׳וואָלט נאך אמאל איבערלעבן זיינע יוגנט טעג. פאר זיינע אויגן פלעגט זיך תמיד אויסריסעווען די געשטאלט פון דער קליינער שפּרינצע, וועלכע האט דערלאנגט פלעשער ביר, געזאטענע אַרבעס, גוט דורכגעזאלצן און באפעפערט. זי פלעגט בשעת דעם קוקן אויף אים אזוי מילד.... גערײדט עפּעס אזוי „מאדנע״ דערביי ארויפגעלאזט די ברעמען איבער אירע טיפע שוואַרצע אויגן. איר קול האט געציטערט... בעת זי האָט געזאָגט דאָס איז ספּעציעל פאר אייך צוגעגרייט.

שפּרינצע איז געווען אַ קליין רירעווודיק פּעמפּקעוואַטע מיידל, מיט אַ טונקעלנעם פּנים, וואָס האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי פארויכערט, פּונקט ווי איר מוטער די גראבע סערל, וועלכע האט געהאלטן אן אויג אויף אירע באַוועגונגען, ספּעציעל אין די שבת׳דיקע טעג, ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער בין השמשות. כאטש צו נאכט פלעגט נאך זיין ווייט, איז אבער אינם קליינעם שטיבל, וואָס מען האט גערופן דאס אלקערל, מיט דעם איינציקן פיצל פענצטער, וועלכעס איז געווען תמיד פארהאנגן, אמפּריסטן זיך געלייגט אַ גרויע פינסטערקייט. יעדעס ווינקל איז מיטאמאל געוואָרן טרוריק און פארטראכט, עפּעס ווי דורך א כישוף, האט זיך אלץ צונויפגעגאסן אין איין שטיק פינסטערניש. דאס איינציקע וואָס האט זיך יעדעווײלע אריינגעשניטן אין דער שווער געדריקטע פינצטערקייט, איז געווען א שטיק ווייסקייט, וואָס האט בשעת דעם מיידעלס האסטיקן אריינקומען זיך שטארק געהויבן פון אירע יונגע ברוסטן, וועלכע האבן זיך באזונדערס געטורעמט אונטער די פעלדלעך פונם שניי ווייסן בלוזקעלע, וועלכעס זי פלעגט ספּעציעל טראָגן אין די שבת׳דיקע נאכמיטאגס.

סערל די גראבע, ווי מען האט איר אינם שטעטל גערופן, פלעגט מיט אנגעשפּיצטע אוירן אין די שבת־דיקע אָוונטן זיצן אין איר ווינקל פון דער גרויסער שטוב, אויפכאפּן יעדן שארך און געלעכטער, וואָס פלעגט אינם אל־

קערל זיך הערן. עפּעס וואָס אומגעלומפּערטס איז געוואַקסן ביי איר אין האַרץ, זי פלעגט צו זיך זאגן, א מויד זאל זיך נישט שעמען, אזוי פיל פלוידערן און צו לאכן, גאר נישט פּאסיק פאר א יידישער טאכטער. מיט א שווער געמיט און טרויער, וואָס איז טיף באהאלטן אין איר נשמה, זיך אוסריידן איר שווער האַרץ, פאר דעם גאָט פון אברהם, יצחק, ויעקב, דערביי שטארק זיפצן אויף איר שווערן און זינדיקן לעבנס שטייגער.

פאר אים אבער האט שפּרינצע אין די דאזיקע בין השמשותן, אויסגעזען מיסטעריעז און לאקענד... עפּעס האט אים זיין בלוט דאמאלס האסטיקער געמאכט לויפן, פונקט אזוי ווי ביי דעם ביר, בשעת מען ציט ארויס דעם פּראָפּן און ער צושוימט זיך. א ווילדע הנאה האט זיך ברייט צולייגט אויף זיין קיילעכדיק פּנים, בשעת דעם גלעטן זיין צוגעשוירן לאפּאָטע בערדל און צו זיך זאגן, ווי די צייט רייסט שטיקער פונם לעבן... ער האט פלוצלונג דערוואַכט, ווי פון עפּעס אַ זיסן חלום, מיט א שמייכל זאגן צו די לאנדסלייט, יאָ, דער איינציקער ליכט שטראַל, וואָס קוקט צו מיר ארויס פון מיין גרויער קינדהייט און יוגנדס יארן, זיינען געווען די שבתדיקע אווענטן אינם שטעטל, ביי דעם לאנגן פּנחס אינם שטיבל.

גערופן האט מען אים, ווי שוין געזאגט דאס יידל, מחמת פארשידענע טעמים. ראשית ווייל ר׳פלעגט תמיד זיין פארביזעוועט, מיט ענינים, וואָס האבן אים קיין גרויס נוצן נישט געברייגנט. והשנית האנדלען מט לאָטערי צעטלעך, „סוויפּסטייק״ ביליעטן, וואָס ר׳האָט תמיד געהאט צו פארקויפן. שוין אין די ערשטע צייט פון זיין קומען קיין לאנדאָן, האט דער עולם אים געקרוינט מיט דעם נאמען, „דאס יידל״, צוליב דעם, וואָס ער פלעגט שרייבן בריוו, אדרעסן, פאר די גרינע. האט ווער געברויכט א בריוו, וואס זאל שטארק נעמען, אָדער באַזאָרגן ווען מיט אַ שיפסקארטע קיין אמעריקע האָט מען זיי געשיקט צום יידל.

ערשט שפּעטער, ווען ער פלעגט צושטעלן זינגערס ניי מאַשינען צו די יידישע שניידערס, האט פאר אים זיך געעפנט דער וועג צו זיין איצטיקע פּאָזיציע אלס „אינשורנס״ אגענט, פון א גרויסע ענגלישע פארזיכערונגס געזעלשאפט. מחמת דעם ברייטן קאָנטאַקט, האָט ער געמוזט זיין איבעראל... תמיד ריידן און דוקא אסך ריידן, ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אז זיין גאנצע וועזן, האט זיך אזוי אויסגעאַרבעט, אז בלויז איין בליק אויף א מענטשן, האט ער שוין געוווסט, ווי אזוי צו האנדלען, ווי צו ריידן, דער עיקר איינרעדן. מסתמא האט איר זיך מיט אים ווי עס איז באגעגענט, אויב נישט, קען מען אים טרעפן אין רעסטאָראַן, אין יידישן טעאַטער, אויף פארשידענע פארזאמלונגען. כדי מען זאל אים וואס מער זען, הערן, נעמט ער אמאל א ווארט, אבער ס׳איז תמיד קאפויר, דערפון, וואָס דער רעדנער האָט געזאָגט. עס דאכט זיך אים אַז ער קען וועגן קיין אַנדערע זאך נישט טראכטן, ווי נאָר צו קריגן אַ „קאסטימער״.

געוווינט האט שמואל דער שווארצער, אדער דאס יידל, אין אקליין שמאָל



געסל, אין סילווערס פלעט וועסט. זיין געוועלבל פון שניידער צודאטן איז געווען פונקט א קעגנאיבער דעם זייגערמאכערס געשעפט, מיטן רויטן געפארבטן שילדל, מאריס לעמב עט קאמפּאניע. גערופן האט מען אים מיטן היימישן נאמען מענדל שעפּס. באקאנט האב איך זיך מיטן יידל, טאקע ביים זייגערמאכער אין געוועלב. דאס איז געווען איינמאל מיטאג צייט, בעת האלטנדיק א גרויסן זייגער אין האנט, פאר וועלכן איך האב באצאלט פיר פונט און געקומען פרעגען דעם ווערט דערפון.

בארייכערט זיך מיט א גרויסע מציאה מאכט ער צו מיר, איינגעהאנדלט דאָס נעכטן אויף די „אקשיאנס״ אין אָקספאָרד סטריט. פונקט ווי אַלע גרינע, האַ, זאָגט, נישט אמת? קענט איר מיר זאָגן ווער איר זייט, מאַך איך צו אים, בשעת מעשה טראכט איך, אפשר איינער פון די אָפּנאַרער.. מיטן גרעסטן כבוד זאגט ער, איך וויל טאקע אז איר זאלט וויסן ווער איך בין און וואָס איך טו. ווי איר זעט בין איך אן „אינשורענס איידזשענט״, האנדל אויך מיט פארשידענע צעטלען, ווי מען קען און איין טאג ווערן א רייכער מענטש. איך דערקען אז איר זייט אן אינטעליגענטער מענטש, דארפט איר דאך אליין פארשטיין אז „אינשורן״ זיך איז א חוב פון יעדן מענטש צו זיך, צו זיין פאמיליע. א מענטש קען קיינמאל נישט וויסן, וואָס סקען פּאסירן אין די גרויסע ר׳ישיקע שטאָט. נישט קיין פּאַראויסגעזאָגענע אומגליקן פאסירן זייער אָפט, ס׳איז כמעט אַ טעגלעכע דערשיינונג. וויל איך אַז איר זאָלט זיך ביי מיר „אינשורן״. זעענדיק אז איך האב קיין חשק נישט זיך צו „אינשורן״, קוקט מיך „דאס יידל״ אָן: נו, מילא, וועט איר זיך „אינשורן״ אנאנדערש מאל....

אָבער פון א סטאק עקסטשיינדזס טיקעט וועט איר זיך מסתמא נישט אָפּזאגן, ס׳קאסט אין גאנצן איין פונט. כקען אייך מבטיח זיין, אז אין איין טאג קענט איר ווערן א רייכער מענטש, געווינען דרייסיק טויזנט פונט. באקלערט נאר, פאר איין פונט דרייסיק טויזנט. איך האב אים געוואָלט מפסיק זיין, אבער ער האט נישט דערלאזן, ווארט לאזט א ווילע און שטופּט מיר אין פּנים א גאנצן פּאק מיט צעטלען, אויב אזוי טא נעמט זשע א לאטערי צעטל. אומזינסט אייער טרחה! האב איך כמעט ווי אויסגעשריגן, איך בין נישט קיין בר־מזל.

אמת זאגט ער מיט אנאויסגעצויגענעם גמרא ניגון, אז הכל תלוי במזל, אבער ווי שטייט עס געשריבן אז דאס מזל פאלט פון הימל אראפּ גלאט אזוי צו יעדן אין שויס. מען מוז עס נעמען, מען דארף עס נאכיאגן, נישט שטיין און ווארטן, מען זאל דאס אייך געבן. אומזיסט מיין טרחה? זאגט איר, ראשית איז דאָס איינס פון מיינע פרנסות, והשנית קריג איך באַצאָלט פארן ריידן און בעיקר פארן איינריידן.

דער געדאנק... אז מען קען אין איין טאג רייך ווערן, האט זיך אין מיין מוח שטארק איינגעגעסן, כאטש כ׳האב די זאך גענומען לייכט און גלייכגילטיק, האבן אבער די פיר ווערטער, פאר איין פונט דרייסיק טויזנט תמיד געקלונגען אין מיינע אוירן, ס׳קען דאָך אַמאָל מאַכן אז איך זאָל גע־

ווינען, ס'איז דאך נישט קיין אויסגעשלאָסענע זאך. און מיין מחשבה האבן זיך אָנגעהויבן פלאנטערן פארשידענע פלענער. קודם כל האב איך באשלאסן צו געבן דעם יידל אַ טויזנטער, זאָל ער זיך קויפן אַ הייזל אין גאָלדערס גרין, אדער פארן אינם שטעטל נאך איינמאל צו פילן דעם טעם פונם גלעזל ביר, וועלכעס מען פלעגט קריגן ביי דעם לאנגן פנחס. איך מיין אז בעסער פאר אים איז צופארן קיין ארץ ישראל, ווי ער פלעגט תמיד זאגן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאר צו שטארבן אינם לאנד פון די אבות.

מיינע רעיונות זיינען אין גאנצן געווארן באהערשט פון דעם פיינלעכן געפיל פון האפנונג און שרעק... איך מוז זיך מודה זיין, אז א פאר וואָכן פאר די גרויסע טעג פון דער פערדישער וואך, האב איך שוין אנגעהויבן ביינקן נאך דעם „סוויפסטייק"־צעטל. מיט א פריידיקן ציטער פאר דעם מיסטישן ריח פון די דרייסיק טויזנט, האָב איך מיט אַ זיפצל אים דערלאנגט דעם פונט, גלייך ווי איך האָב אים נאָר דערזען. אָפּגעצאָלט פארן טיקעט און מיט אונגעדולד געווארט אויף דעם גרויסן טאָג, דערווייל זיך אַרויסהעלפן מיט אַ חלום, געזוכט אן אנדייטונג... אבער אלעמאל ,ווען ר'האב געוואָלט ווערן א נביא און פון פאראויס טרעפן, וועגן מיין גורל, האט די נאקעטע ווירקלעכקייט אכזריותדיק פון מיר זיך אויסגעלאכט.

עס זיינען אוועק יארן, די טעג זיינען פארשוונדן איינער נאכן אנדערן. איינמאל פארנאכט זיצנדיק ביים אפענעם פענצטער, די שטראלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האט זיך גערוקט פון ווינקל צו ווינקל, ווען דאס יידל איז אומגעריכטערהייט געקומען, זיין פנים משונה בלייך, ס'איז געווען קענטיק אז ר'איז שטארק אויפגעטרייסעלט פון עפעס. ער איז שוין געווען אין די הויכע זעכציקער, איצט אבער, נאך א טאג ארומלויפן און אסך ריידן, האט די עלטער זיך צעלייגט אויף אים, .דאס פנים צעאקערט און צווישן די קנייטשן האט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט זיך געקליבן בלאטע. ער האט געשפרייזט איבערן שטוב זיך געשטעלט מיר פנים אל פנים. מיט אן אנערנסטע מינע געזאגט, יאָ, די וועלט איז פול מיט געשעענישן, אָט האָט ערשט נעכטן מענדל שעפס איר קענט דאך דער זייגערמאכער, קוים מיט צרות אים צוגערידט צו קויפן א טיקעט. גיי וויס אז דער טיקעט וועט באלט דעם ערשטן טאג ארויסציען א נאמען פון א פערד. מען זאגט אפילו אז עס איז נישט קיין איי איי פון אַ פערד, אבער פארט א פערד, מילא אויב ס'איז באַשערט אז עמיצער זאל אויף מיינס א צעטל געווינען די דרייסיק טייזנט, זאל עס כאטש נישט זיין דער קמצן מענדעל שעפס, ווער וועט פון אים עפעס געניסן ? זאָל כאָטש דאָס הארץ נישט וויי טאָן.

זעט איר מיט אייך איז עפעס אנדערש, הען ס'מאַכט זיך גראד אז איר געווינט, פון וועלכן איך האב א שטיקל חלק זאריין. וואָלטן מיר נישט געדארפט זיין אין גלות. מיט אזא גרויסע אפותיקא גרינג געקענט עפענען בשותפות א „ביזנעס" אין ארץ ישראל, אדער עפעס א פאבריקל און לעבן, ווי אין פסוק שטייט : איש תחת גפנו, ואיש תחת תאנתו.



איך האב אים געמוזט צו זאגן, אז ווי נאר איך קריג די טעלעגראַמע אז מיר האבן געווינען, ליקווידירן מיר אלעס און פארן קיין ארץ ישראל. דאס „יידל" האט פרייער אָפּגעאָטעמט : נו, מאכט ער זאל זיין מיט הצלחה. א ברייטער שמייכל האט זיך געלייגט אויף זיין קיילעכדיק פנים. דאס לאפאטע בערדל האָט ווי פון זיך אַליין זיך אונטערגעהויבן, ר'האָט אַ קוש געטון די מזוזה און איז ארויס, שטיל מורמלענדיק: אוי, די וויסטע און פינצטערע פרנסות.

---

## יוסף פאלק (תל אביב)

## צווי לידער

1. איבער־גליק

כ'בין זיך מודה אַז עס איז מיר דווקא גוט אין שאטן.
אויב איך שעפּ נישט פון די ימיש־כוואליענדיקע פריידן
איז עס, ווייל געפּעסן מיינע זענען באשיידן, —
ווייל די טויבן ווילן לעבן, נישט זיך לאזן בראטן.

אינם ווינקל וואו איך זיץ — איז גוט אַזוי צי זיצן
דא, ווי נאך געבורט די קינדער, שענקט מען דערפערנעמען,
דארף איך טאקע, ווי א זינדער, מיט מיין גליק זיך שעמען,
וואס איך מעג אין זאמדן הייליקע מיין נאמען קריצן.

2. צום לעצטן שפרינג

לעבן כוואַליעט דאָך אין אייך —
תהום אראפּ און פעלז ארויף,
אן אן אנהויב, אן א סוף —
ממש ווי אין פיש דער טייך

וואָסזשע פענטעט אייך די צייט
היינט שוין אלט ווער נעכטן יינג ?
אויף א לעצטן זינג און שפרינג —
ווארט די צייטענס — יענע זייט....

„דער משפט" פון מארים קאַץ
פּרייז 15 שילינג

צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר :
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16

## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

(דערציילונג המשך)

אַזויווי פלוצים אנגעטראגן פון פארהוילענע מרחקים, חלומדיק פארשוועבט ערגיץ אונטער די הימלען פון צייטן און דורות, האט זיך אצינד דא לעבעדיק אנטפלעקט די אויסדערוויילטע געשטאלט פונם שתדלן. האפערדיק געשטרעקט, מיטן זעכערן טריט ווי דער שטארקסטער פון די שבטים וואס זיין נאקן איז גוט וויליק באלאדן מיט דער הארב פארזאגטער אחריות לאסט פונם שליחות, טוט ער גיך גענענען פאראויס, וואויל איין האנט הויך און געביטעריש דערהויבן צום שטרענגן פירשפרעך: ביז אדוני!....

מען טוט א קוק, אהא! דארט אויבנאן ביים לאנגן טיש פונם פוילישן קאמאנדיר מיטן פארבלוטיקטן לעדערנעם קאנטשיק אין האנט וואו ס׳פינקלען גאווהדיק די מעשענע קנעפּ פון די אויסגעסטויעטע אָפיצירן און ס׳בליצן מוראדיק די שארפע באגנעטן פון די וואך זעלנער מיט די געלאדענע ביקסן, שטייט שוין דער משכיל און ציוניסט אייזיק דעם שוחטס. ער טענהט היציק, נאר שטרענג און שארף געמאסטן, מאכט מיט ביידע הענט, ווי ארויסצוברענגען די אנערווייניק וואָג פון זיינע גלייכע און גערעכטע ווערטער, באגלאנצט מיט א שטארקער מענעריש זעכערער ברוסט שטים, ווי אויסגעהאקט פון אייזן אויף שטיין, בעת ער לייגט פאר זיין „פראטעסט“ מיט די חמימות פון די יידין.

עפּעס ווי איבערגעביטן איז ער אצינד אייזיק דער גלעזער, דער שטענדיקער ענו׳דיקער אָרעמער און פארגאפטער בעל חלום, וואָס האָט זייער ליב מיט בארוישטן וועניג וואס רויטעשטגעהויבן אויף זיין אײדעלגעבויגענער שפּיץ נאז, זיך הייס צ׳קילן אין שולכל נאכן דאוונען און צי שמועסן מיט די לייט אין מאַרק, אין די געוועלבער, אין די ווערקשטעלן, אין די שטיבער, וועגן וועלט פּאָליטיק און פּארלאמענט־וואַלן, מלחמה — סטראטעגיע און רעגירונג קרייזן, פּארטיי שטרייטן און ציון קאנגרעסן און וועגן אלע וויכטיקע נייעסן וואָס ער ליינט ווילקעננעוודיק מיט גרויס התמדה אין זיין בלאט צייטונג, דאס „לעמבערגער טאגבלאט“, כסדר, אלע טאג, און פון זינט כמה יאָרן און זיין מח איז תמיד אָנגעפּיקעוועט מיט אלע זאגעכצער פון די געלייענטע ארטיקלען מאמרים און פעליטאנען, אַזויווי אַ בוים מיטן צערידערטן געפייף פון אַ סטאדע פייגל, פול באַזעצטע אין די צווייגן. אויכעט איז ער מדריך די יינגעלייט אין רעיון ציון פון דאָקטאר הערצל און מאקס נארדוי, וואָס ווילן געווינען ביים טערקישן סולטאן א יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע. ער דערוועקט אין די געמיטער אהבת ארץ ישראל, שטארקט אין די נשמות די גאולה בענקשאפט פונם גלות און רופט ארויס מיט זיינע משכילישע רייד דעם יידישן גדלות צעברומט פון גבורה ווי דער לייב פון יהודה. איינמאל האָט אייזיק אפילו געמאכט אין זיין שטוב־אלקער א ציון פאריין „קדימה“ מיט א נייער בלאָווייסער פאָן און אַ מגן דוד אויף דער מזרח וואנט, מיט בילדער פון טע־



טעאדאר הערצל מיט דער שיינער שווארצער בבל־בארד און מאקס נארדוי מיטן ווייסן לייבן קאָפּ, מיטן נאבל באבערדלטן באראן עדמונדע ראטשילד, ארומגענומען מיט אַ קראנץ, וואָס אויף אַ יעדן בלעטל איז געווען אין לשון קודש אבגעדריקט דער נאמען פון א קאלאניע אין ארץ ישראל: פתח תקוה, ראשון לציון, זכרון יעקב, עין חרוד, הדר הכרמל, נס ציונה, ראש פינה, משמר הירדן — וואָס ראָטשילד האט מנדב געווען מילאָנען געלד זיי צו באַגרינדן און באַזעצט יידן אויף די נחלות מיט פעלדער און וויינגערטנער אין הייליקן לאנד פון די אבות, אז די לייט זענען געלאפן קוקן דורכן פענצטער, אויף גרויס חדוש. מיט אייפער האט אייזיק כסדר זיך געאַמפּערט מיט פארבעבשנטע גלות חסידים וואָס האָבן געוואַרט אויף משיח און זיי אויפגעוויזן שיבת ציון מן התורה. דער ייד האָט געהאט אַ השגה צונויפצונעמען ייגנלאך פונם חדר און פון דער באראן הירש שולע און זיי געלערנט זינגען התקווה, ביים מאקאבייער פעסט, וואָס ער האט אין פאריין געמאכט אום חנוכה. ער אַליין האָט געהאלטן זיין קלוגע ציון רעדע, געווערצט מיט חריפותדיקע גמרא ווערטלעך, באַלויכטן מיט פסוקים פון די נביאים, פארפלאכטן מיט די אויסשפרוכן פון די ציון מנהיגים און נשמהדיק ציפייערט מיט דער גבורה און נצחון פון די השמונאים שלאכטן, אַז דער עולם האָט געלעקט די פינגער, ברייט געשמייכעלט פון תענוג און אים הארציק געזאגט א יישר כח, ווי א גוטן חזן. ווי אויך די גרינגע לייט האָבן אונטער די אויגן פון אים חוזק געמאכט מיט געלעכטער. אויכעט האָט אייזיק אין דערהייט אַ בלאָ־ווייסע פושקע פון קרן קימת און ער וואַרפט אָפּט מאל אַריין א מטבע. ער קויפט אַלע יאָר פאר אַ קראנע א שקל און ער פארקויפט די יינגעלייט שקלים. אייןמאל האט מען אים אפילו אויסדערוויילט פאר א דעלעגאט צו פארן קיין לעמבערק צו אַ ציון קאָנפערענץ, נאָר אַזויווי ער האָט נישט געהאַט קיין געלד אויף הוצאות איז דערפון גאָר נישט געוואָרן און ער האָט ביטער געליטן שווערן עגמת נפש. ער חלומט שטענדיק פון דער הייליקער שטאָט ירושלים און זיין פלאן איז צייטיק מיט ליבשאפט פון זיין הארץ און באגער פון זיין נשמה עולה צי זיין קיין ארץ ישראל, אויף זיין נחלה כדי צו אקערן די אייגענע ערד און פלאנצן א וויינגארטן אין לאנד פון די אבות און אויפצובויען דאס מלכות ישראל. אצינד שטייט אייזיק דערהויבן מיט חשיבות אין זיין אויסגעגליכטן רוקן. די קורצע שוואַרץ געזילבערטע באָרד און פאות, אָרענטליך צוגעגלעט, די סאמעטענע יארמולקע וואויל אויסגעשפיצט אויפן הויכן, ווינקלדיק געקנייטשטן למדן־שטערן, ווי ביי אַ פארצייטיקן פרנס און מיט זיין גאנצן פאַרשטייפטן שטעל, אָנגעקלייד אין לאנגן, שווארצן, אָרענטליך פארקנעפלטן אויבערראק, מיטן סויבלענעם קאלנער האט ער אַ פנים פון עפּעס אַ פרעמדען פאָרנעמען משולח, ערשט נאָרוואָס אָנגעקומען פון אַ רייכער ווייטער מדינה, מעבר לים, מיט אַ פרעכטיקן גילדענעם בית המקדש, אַ שטייגער ווי פונם לאנד יהודה אין שלמה המלך׳ס צייטן.

אייזיק טוט טאקע אַלע מאָל זייער ווערדיק אַ שאקל מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ,

וואָס שנייד דוכט זיך ארויס פון זיין פארמאטערטן מח א שטארקן קלארן געדאנק פון א מאן וואָס זיין נשמה איז תמיד דערפילט, ווי אַ כוס ביז איבערן ברעג, מיטן גרויסן ליכט פון יושר און אמת, אַזוי אז זיין בלייך אויסגעלייטערט קנאכיק־מאָגער אויבערשט האלב פנים איז ווי פון אינערווייניק זוניק באשטראלט און דער ציפלעמעלטער בליק פון זיינע ערלעכע פאַרחלומטע אויגן איז קלאר און שארף איינגעבויערט אין דעם בייזן קאלטן שווייגן פון דעם מאכטיקן שונא׳ס אויגן ווי אין אַ בלאָ שטיק אייז. עס איז אייזיקס גרויסע שעה געקומען, מיטן גלויביקן כח פון מסירת נפש, שווער ארויסגעצויגן פונם אָפגרונט פון דורותדיקן גלות־פיינען, פאַרשווענקט אין באכן טרערן פון רדיפות און נויטן, פארפלייצט אין טייכן פארגאָסן בלוט פון הריגות און גזירות געהייליקט אין אוועק פון די שייטערפלאקערס, אין נאמען פון לעבעדיקן גאָט פון ישראל און מיט בטחון און טרייסט באַגלאַנצט אין חזיון פון נצחון און געאייביגטן פרייד פון די מענטשן קינדער. האַ! וואָס טון אַזוי פילדערן די פעלקער און לעסטערן דעם באשעפער! ס׳וועט קומען די צייט פון דין וחשבון און סיוועלן ציטערן די הערשער פון דער זינדיקער וועלט. ס׳וועלן ווי רויך פארגיין זייערע טעג און שקר און רשעות און ווי שפריי אין אלע ווינטן וועט פאַרלוירן ווערן דער זאמען פון זייערע לענדן. פעך און שוועבל וועט גיסן פון די הימלען אויף זיירע קעפ און גאט גרימצארן וועט זיי שלאגן און פארלענדן מיט פייער און שווערד און מגפה, אז ס׳וועט נישט פארבלייבן קיין שריד ופליט. וואָרים זיי האבן געפרעסן יעקב און פארטיליגט ישראל. ער וועט זיי יאָגן און דערגרייכן און נוקם זיין דאס בלוט פון זיינע קנעכט... ווי פייערקוילן גליען די וואָרע רייד אויף אייזיקס בלאַסע לעפצן און ווי דער געבריל פון א לייב איז דערהויבן זיין גערעכטע טענה:
אַזוי און אַזוי... נאציאָנאַלע רעכטן פאָדערט ער פאר די היגע שטאטלייט. נעמליך, אַז די פוילישע מלוכה מאכט זאל תיכף ומיד אַרויסגעבן אַ געזעץ דאָס די יידן זאָלן דאָ, אין מזרח־טייל פונם לאנד גאליציע מעגן זיין נייטראַל אין דער מלחמה צווישן די פאָליאַקן און די רוטענער און מען זאל זיי נישט נעמען צום מיליטער, ווייל מיר יידן זענען דאָ בירגער פון א באזונדער פאלק מיט אַן אייגענער רעליגיע און לשון, איינגעזעסן פון זינט דור דורות מיט אן אייגן פאָטערלאַנד אין ארץ ישראל, וואָס די באלפור דעקלאראציע האט אונז פייערלעך גאראנטירט ביים פעלקערבונד. דאנאך העכערט ער די שטים מיט אַ שארפן קלאנג, ווי אַ געציקטע שווערד און מיט גליאיקע ווערטער וואָס פאלן אויפן קעגנער ווי פייערדיקי שמיץ, טוט ער גהיילעך פארדאמן די ווילדע הפקרות און רציחות פון די זעלנער לגבי די יידין אין שטעטל. זיי האבן געשענד די שול און צעריסן הייליקי ספרים פונם בית המדרש, מבזה געווען עטלעכע לייט און געריסן בערד און פאות. זיי האבן גערויבט שפייז און סחורות פון די געוועלבלעך און חפצים פון די שטיבער. זיי האבן געשלאגן און געפייניגט מענטשן, געשלעפט די באלעבאטים צום אסענטירונג אין דער גמינע. ער פאָדערט באלד פון דער מלוכה כך וכך פארגיטינג פאר



די שאדענס פון דעם גערויבטן האב און גוטס, א געריכטליכע אויספאָרשונג און אַ שטרענגע שטראָף פאר די שולדיקע רויבער און שלעגער און אויכעט זאל די מאכט גיבין די יידישע בירגער געזעצליכע באשיצונג און רעכטלעכע פארזיכערונג פון לעבן, פרייקייט און באזיץ, ווי ס׳געהער צו זיין, לויט דעם אקט פון דער קאָנסטיטוציע... טאמער נישט, וועט מען באלד אין נאמען פון די יידישע בירגער ארויסטראָגן א שטרענגן פראטעסט און ארייינטראגן א־שווערע קלאגע קעגן דער פוילישער מלוכה צום וועלטגעריכט, וואָס דער אמעריקאנער פרעזידענט ווילזאן האט באשטימט אין די פירצן פונקטן פון דער רעזאלוציע פונם פעלקערבונד... אויג אויף אויג שטייט אייזיק מיטן מאכטיקן שונא. נאר מען טוט אים גאר נישט קיין בייז און קיינער טרייבט נישט מיט אים קיין לצנות. אדרבא! מען הארכט אים אויס מיט דרך ארץ און מען פארהאנדעלט מיט אים בכבוד, טאקע ווי מיט עפּעס אַ ראש און פארנעמען משולח פון א פרעמדער מלוכה. רוהיק פארביסין, מיט פארבארגענעם אכזריות אין זיין זייטיק אונטערגעהויבן, בלאנד ציגעשוירן בערדיל, ווי אַ האניקלעקעכל, שיינט אראב פון אַ לאַנגן באַשריבענעם פּאַפּיר, אין איין אָטעם, דער קאָמאַנדיר מיטן קאַנטשיק די קעגנפאָדערונגען:

— אַזוי, און אַזוי... נעמליך, אַז די יידין מוזן באלד איינצאָלן דער מאכט כך וכך סומען קאָנטריבוציע געלד און שטייער געלד... אויכעט מוזן זיי באלד אים אבגעבן דאס גאנצע פארמעג פון געלד, גאלד און זילבער, צירינג און אלע ווערטזאכן, וואָס זיי האבן אין באזיץ, אויכעט שפייז און וואַפן, בינאָקלס, אָטאָמאָבילן, פערד און וועגענער, בהמות צום שעכטן, תבואה, פוראזש, מאָטאָצייקלס, פעטראל, געווער פילווער און אמוניציע און קהל מוז באלד ארויסגעבן אין די הענט פון דער מיליטער מאכט די יידישע באלשעוויקיס... אויכעט זאלן אלע יידין זיך באלד פארשרייבן אויף ארבייט אומזיסט, שארווערק, פאר דער מלוכה, נעמליך בויען וועגן, פארעכטן די באן, האקן ביימער אין וואַלד און שטיינער פון דער סקאלע און מען זאל זיך שטעלן פאר זעלנער צי דער פוילישער ארמיי און גיין אין דער מלחמה פראנט. טאָמער נישט, וועט מען כאַפּן די דערזערטערן, זיי איינזעצן אן תפיסה און זיי שטרענג באַשטראַפן לויטן קריגסגעזעץ, מיטן טויט דורך דערשיסן און די יידין זאלן אַרויס פונים לאנד: זשידזי דא פּאַלעסטינע...

— אַבער וואָאָאָ... טוט אייזיק איידעל־דערצאָרענט א מאך אוועק מיט אַ האַנט דעם גאנצן אָנגעדראלענעם פזמון פון שקר און גזלה. עט... ב׳... פוסטע רייד! ווער האט דאס עפּעס מורא פאר אזוינע ווילדע אָנשרעק׳ן? מיד יידן האבן שוין איבערגעלעבט נישט איין מלכות זדון און וויפיל המנס האָבן שוין געהאט ביי אונז די אמתע מפלה? — מיט אַ פיינעם שפּאָטיש שמייכל אויף די בלייכע לעפצן איז ער גריילעך מבטל די וויסטע שנאה. ווייסעך דארט וואָעס, מ׳וועט כאפן און דערשיסן בירגער?... ס׳איז עפּעס הפקר אַ וועלט? ניין, ניין! די קאָסע האט אנגעטראפן אויף׳ן שטיין און ז־ קלערט נישט זיך דא אונטערצוגעבן. ערלעך איינגעשפּאַרט, טייטעלט ע־

שטרענג מיט אַ פינגער אויף׳ן באשריבענעם פּאַפּיר און ער דינגט זיך מוטיק, ווי אַ אמת־געטרייער מנהיג לטובת זיין פאלק, וועגן איטליכן פונקט באזונדער:

— קאָנטריבוציע־געלד... שטייערגעלד... שארווערק... אסענטירינג... וואָפען... אָטאָמאָבילן... בינאָקלס?... — לא מיט אַ ספּאָדיק! מ׳וועט נישט געבן אַ ציבאלע שאלעכץ! דאס שטעטל איז שוין צעשאסן און געחרובט געוואָרן אין קיסר פראנץ יאָזעף׳ס מלחמה. ס׳האָבן שוין דא גערויבט און געפּליندערט די חילות פון די רוסן, די עסטרייכער, די דייטשן, די קאזאקן, די מאַדיארן, די אוקראַינער, די רומענער, די טוטערן, די רוטענער... וויפיל איז דער שיער? ווילסט נעמען ס׳לעצטע העמד פונים לייב, פּאַני קאָמאַנדיר? האַ, האַ, אנו פריוו... ניין! מ׳וועט נישט שווייגן...

היציק צערידערט פון נייגיר און שרעק שטיפן זיך די יידן אונטער אייזיקס פלייצע ווי אַ סטאדע צינויפגעדרענגטע שאף אין באשיץ פונ׳ם געטרייען פּאַסטוך, בעת אַ שווערן, כמארע געטונקלטן בהלה שטורעם אין פרייען פעלד, ווען זיי דערשמעקן די נאָענטע סכנה פונם בליץ און פונם וואָלף...

נאר פארכאַפּט אין דער הייסער מיניט פון דער עת צרה, האבן זיי דערוויל פארגעסן דעם ביטערן גורל פון געבראָכענע אָרעמע לייט אָן אַ תכלית, אין מוראדיקן באדרענג צווישן צעברויזטע פייערפלאַקערס פון מלחמות, מרידות און גזירות, אָן א אויסוועג, פארצוואנגט אין וויסטן שנאה־קלעם פון בייז צערייצטע גוים, וואָס האבן געטראכט זיי צו פארטיליקן און זיי האבן זיך האפערדיק געקילט מיט דער פּאָליטיקע, געגוגערט פון רעכטן און פאדערונגן, די פנימער פארהאַקט מיט עקשנות, די אויגן צעפינקילט פון מענערישן שטרייטשוסט, ווי ביי אָנגעדרודעלטע הענער:

— רב אייזיק לאזט אייך נישט... געוואַלט, האטס נישט קיין מורא רב אייזיק... וואָס הייסט עפּעס דאעס? גערעכט, גערעכט, מיר יידן האבן אויכעט אַן אייגן פּאָטערלאנד אין ארץ ישראל, אוואדע וואָדען... זאָגט אים דעם אמת, דעם המן... גיט אים א מכה דעם פריץ... דערלאַנגט אים אַ קנאק... רב אייזיק, לאזט אייך נישט...

שטילערהייט און גרימיק פארביסין האבן די ייִנגעלייט אים אינטערגעגעבן חשק ווי איינעם אַ גבור אַן אייגענעם מענטש, וואָס ראנגלט זיך מיט אַ פרעמדן שטאַרקן קעגנער, ווער ווּעמען ס׳וועט אַוועקלייגן אַ באַזיגטן, גלייך פאר זייר כבוד וועגן האט אייזיק אצינד דאָ געמוזט מיט זיין טענה געווינען דעם געפערליכן שטרייט קעגן דעם מאכטיקן שונא, דעם פוילישן קאָמאַנדיר, ווי אמאָל דוד, וואָס האָט געשלאָגן גלית דעם פלשתי מיט אַ שטיין און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיטן שווערד....

— בייגל, פרישע אייערבייגל, זיסע קיכלעך, מאָנפלעץ הייסע, ס׳צעגייט אין מויל ווי האניג, גוט און ביליק, קויפט, קויפט.... רופט מיט א געצויגענעם ניגון חנא איצי דער מלמד. ער טראגט אנגעהאנגען אויף אַ האַנט אַ שטרויען געפלאכטן קיישל מיט וואַרעם געבעקס וואָס זיין אייניקל ראצע די בעקערין



האט צו אים געבראכט אהער צי פארקויפן. געבויגן אין דרייען שטופּט זיך דער זקן מיט כח צווישן די אנגעפּעלצטע גוים און באוואָפענטע זעלנער. זיי טאפן באגיסיק מיט די פינגער, קלויבן באדעכטיק, דינגען זיך לאנג, גיבין פּאַוואָליע צו לייזן מזומן און טון געשמאק אַ קייע אויף איין צאָן, די גוטע ביסענס.

— העי, די נארישער קלאץ — מאכט חנא איצי מיט דריבנעם געבייזער אויף איינעם עפּעס א אבגעריסענעם שגץ מיט אַ גרינער בעלמע אויף זיין הינגעריק אויג — וואָס טאפּסטו אזוי לאנג, האַ? ווילסט מאכן אַ לאך אין בייגל?... לייג אנידער — טוט ער אים א זעץ איבער דער האנט — ווילסט קויפן צי גנבענען... באצאָל צוויי גרייצער און גיי דיר ווייטער... אומזיסט איז נישטא צו פרעסן... דער שגץ גלאצט טעמפּ מיט זיין גאנצן תמעוואַטע קנאכיק פנים, ווי אַ שטיין; — אַ יאַקזשע? מען מעג דען, האַ? זעמל איז דא צי פארקויפן... אַ צעטל האָסטו? — באקומט ער פלוצים לשון, דאס שטייגערנע פרצוף גערויטלט און זינדיק צעקרימט—די זשידיס טאָרן דאָ נישט האנדלען... ס׳איז אונזער מלוכה... אלע יידן וועט מען אויסשעכטן, צי דער כאלערי.... דאָס געלד גיב אהער, ייד פארשאָלטענער....

ווי אַ בייזער קאָטער שלייכט דער שגץ מיט פארגנבהטע טריטלעך אלץ נאענטער ארום דעם אַלטן מיטן קיישל און היט אים זייטיק מיטן בלינדן בעלמע אויג. חנא איצי ווי דער שפּיצטאויס אן אויער ווי צי הארכן אמינדסטן פארדעכטיקן שארך און ריקט זיך פארפינצטערט אונטערוויילעכץ, היט יענעם מיט שארפן בליק פון אונטער זיינע ווייסע געדעכטע ברומען בונטן. נאר דער שגץ טוט אויף אים א גיכן שפרינג, ווי אַ חיה רעה רייסט אים אַרויס ס׳קיישל פונם ארעם, צעשיט דאס געבעקס אויף דער ערד, כאפּט געניט א פולע האנט מיט בייגל און אנטלויפט. — געוואַלט, גנבים, רויבערס.... אַ פייער אין די געדערים, גזלנים... שרייט דער ייד צעכעסט און פּאָכעט מיט אַ קיליק אינדערלופטן. ער לויפט נאך דעם שגץ א שטיק וועג אין טונקלגענעפּלטן דרויסן, פארלירט אים זיך פונם אויג און קערט זיך אים פּאַוואָלי, ווי געבראכן אין זיינע דריבנע טריט און שאָקעלט ביטער פארצרהט דעם גרייזגראָען קאָפּ מיטן שוואַרצן געלעכערטן שעפּסענעם היטל:

— אַז אַ מהומה איז אויף זיי געקומען, די גויים... צעכאפּן ס׳ביסיל סחורה און שוין. נאדיר, אָט האסטו דיר דעם ריוח... עשו גנב לאזט דען לעבן דעם ייד, אָך, אָך אָך, אַ וועלט היינט... אַ סדום איז דאס נישט קיין וועלט... פארקומערט מיט אַ וואָלקן פון צער און אָרעמקייט, קלויבט דער זקן צונויף די פארנעצטע, צעטרעטענע פלעץ. ער רייניקט זיי מיט אַ פּאָלע פון דער בלאָטע, ווישט זיי מיטן ארבל פונם שניי, פונים מיסט, לייגט זיי ווידעראויס שיין און ריין אין קיישל און רופט הויך זינגענדיק, מיט א צעקרעכצטן ניגון:

— אָי, אָי, זיסע קיכלעך... פרישע אייער בייגל, קויפט, גוט און ביליק, הייסע מאן פלעץ, הייס, הייס...

(המשך קומט)

## א. נ. שטענצל

# שוואלבן-טשוויטש וואריאציעס

(אַקאָרדן)

1

ס׳האָבן די וואָרזאָגער אַרויסגעלעזן
פונם פלאטער פון די שוואַלבן דאָס וואָס ס׳וועט זיין,
און איך, ווען כ׳זע זיי צוקנדיק אָנפליען,
בין פלאַטערדיקע פרייד, גאָרנישט שוין צו פארשטיין.

ניין, איך קאָן נישט מער צוזאַמענשטעלן די צוקונפט,
נישט לייענען זייער קונציק פארציקטע שריפט —
פון צוק, מיט עק-פעדערל-דריי געצויגן,
ס׳קלוגיטשקע פאשטיין אין מיר פארשייט און צעשטיפט.

2

דאָס צוקנדיקע קרייזן ארום די זון —
אַ זומערפייגעלע די פליגעלעך פארזענגט!
דער קונדייסישער אויפלאַך פארן רעגן,
צו נידריקסטן גרעזל שוין די בשורה געברענגט!

דאָס טוקן זיך און טובלען אין טיפן בלוי,
און מיט פליגל-געפלאַטער שארנדיק אין שטויב — —
שיטנדיק רענדלעך אין זון — שוואַלבן-געטשוויטש,
איר שׂאל שווערער צו מאכן, אין לייכטן אויפהויב —

3

אויסגעצויגן ציט זיך דער שאטן פון בוים,
צומאל ווען אינם מזרח-זייט די זון גייט אויף,
נאר גאנץ אין ליכט, אפילו ווען זי פארגייט,
שוואַלב וואָס דערצאַפּלט צו שארפסטן שפיץ שוין ארויף.

ערשט ווען אינגאנצן אין ליכט ס׳ציטערט די וועלט,
די זון אינמיטן הימל צינגלט צום צעניט,
ציט ער צווישן די פליגעלעך ס׳קעפל איין,
אויף אַ ווייל אויסצורוען מיטן אין זיין ליד.

4

הויך — די זון אויבן, מיטן אין צעיט — — —
ער האט זי דאך אויסגעקרייזט קיילעכיק און גרויס!
צוקנדיק זי אויסגעצירקלט, גליאיק רויט,
מיט שארפן געטשוויטש פון צאפלדיק הארץ אַרויס.



ציט ער דאס קעפל צווישן די פליגעלעך —
דאס ווונדערלעכע ער פארגינט זיך נישט צו זען!
און הערצל זיינס צוקט אין אים, אין שטילער פרייד,
פון וועלכן אזא ווונדער וועט ווידער געשען.

5

אָנאויפהער אין דער לופט דער דינער געטשוויטש —
פון די בלויע הימלען ר׳איז דער זיידענער שארך!
דעם שטראלן געפלימער, נישט נאָר מיט בליקן —
צו פארנעמען אים מיט גערוך און מיט געהארך.

נישט טיף-ברייטער הימל, הויך-שטייענדיק פעלד,
נישט וויגנדיקער דופט פון געצייטיקטער זאנג —
געוועב פון זייד-געגלאנץ און בלוי-געפעלבל,
און דו ביזט הימל און פעלד און שוואלב און געזאנג.

6

גלייך שוואַלבן-פליגעלעך מיט שאַרפן געטשוויטש,
בלאנקן די קאָסעס, פלינק-צוקנדיקע, אין שניט;
צווישן די תבואות פליאָדיען זיך די שפערלעך,
ווי ס׳וואָלט ווער פולע זשמעניעס מיט זשארנעס געשיט.

אין פלינקן פלי אַ פליגעלע ער פארציקט!
און א נעסטל אויפגעבויט מיט איינציקער שטרוי!
טשוויטש, טשוויטש — ווי צעמישט פון דער שפע הינטן,
בלייבט ער העגנען הויך, אין שטיל-פארגליווערטן בלוי.

7 (איצוש׳ן)

דער שוואַלב איבערפלאטערדיק די שוואַלבעכע,
איז דער גאנצער ארום איין צוקנדיקער גוף — —
און אויף מיילן ווייט איינס ס׳צווייטע דערקענט זיך,
ווייל אייביק יענער צוק אין טשוויטש-טשוויטש-טשוויטש גערוף.

און וועלן זיי שניידן טויזנטער מיילן — — —
איינציקער גוף — גאנצער „חתונה-צוג“ צוזאם!
און איינגעביסן קעפל אין קעפל, — אין שנור, —
ווען שטורעם חלילה, פארשליידערט זיי אין ים.

8

די פרייד פון די יונגע שוועלבלעךביים אָפּפלי,
איז נישט אַזאַ אַז זיי זאָלן נאָך קומען צוריק:
אזא „חתונה-מחנה“, בחברותא,
איז וואָס פלינקער אַנטלויפן שוין פון אן אומגליק.

און די וואָס וועלן אָנקומען אין פרילינג, —
די פריש־אויסגעבריטע שוין מעבר לים! —
פון אָן אומגליק ביי אונז זיך צו ראַטעווען,
וועלן די שוועלבלעך נעבעך האַפּן, מן־הסתם.

9

און אַז „איין שוואַלב קאָן קיין זומער נישט מאַכן“ —
ער וועט שוין אויך אַ צווייטן נישט דערלעבן מער!
נישט קינציקע שלייפן — פּעטלעס פאַרציען,
מיט זיין בלאָנקענדיק אַהין און אַהער.

אין דעם פּעדים־געשטראַל פון גאָלד און פון בלוי —
אַזאַ שתי־וערב פאַרפּלאָנטערטע שפּין!
אין די נעכט בלייבט ער הענגען אַ פלעדערמויז,
אין אייביק צוקנדיקן אַהער און אַהין.

10

אָ, מיין האַרץ, אַ פלאַטערדיק שוועלבל אין האַנט —
אַ פאַרוווּנדיקטס רייסט עס זיך אין פּעדים־געפאַנג!
דערפאַר אַזוי צוקנדיק און צעריסן,
ווי פּאָדעס, סוף־זומערדיקער, ס׳איז מיין געזאַנג.

עס איז מיין האַרץ, אין אייביקן געפלאַטער,
אַ שוועלבל פליענדיק צווישן דאָ און דאָרט — — —
וואָלט נאָר זילב צו זילב, ווי זילבער געטשוויטשער,
געדינט זיך און געשמידט אין מיין ליד זיך, מיין וואָרט — —

11

וואָס קאָן נאָך זיין זיסער ווי „שוועלבעלע מיינס?“
און ערשט — „דיין האַרץ צאַפּלט אַ שוועלבל אין מיין האַנט“!
ווי לויכטן די אויגן אויף, דערבליקנדיק
אַ שוואַלבן־נעסטל, אַ צוגעקלעבטס צו אַ וואַנט — — —

ווי פון אונטער אַ חופה יעדן באַגין,
ווען אונטער דאַך ערשט דאָס נעסטל איז צוגעקלעבט!
טשוויטש, טשוויטש — שוועבנדיק פון עק־וועלט צו עק־וועלט,
ווערט גאַנצער ערד־קיילעך מיט ליבשאַפט פאַרוועבט.

12

ס׳וועלן די שוואַלבן צוריק אָנקומען דאָ,
ווי דאָרטן אַהין אָנפליען זיי טון אַצינד;
אין שנעבעלעך טראָגן זיי קיילעכל ערד,
און זייער היים — ס׳אויפגעבויטע נעסטל אין ווינט.



דאָ און דאָרט די פרייד פון זייער אָנפליען,
נאָר דער אומעט ביי זייער אָפּפליי אַזוי גרויס:
אַ ווינטער־לאַנג וואַרטן, ביז אַ פרישע זון
אונטער ווייכן פוך־בייכל בריט זיך ווידער אויס.

13

מיט זייערע געשליפענע פליגעלעך
שערן זיי ס׳לעצטע בלעטל פון בוים איצט אַראָפּ,
עס צוקן שאַרף די קלינגלעך: טשוויטש־טשוויטש, טשוויטש־טשוויטש!
זיך נישט אומקוקנדיק צומאָל, פליען זיי אָפּ — — —

די וועלבע נאָר ווינקט זיי מיט אַ צווייגל צו,
און וויינט ביטערע טרערן אין טייכל אַריין:
ווי סמוטנע טרויעריק ס׳וועט דאָס ווידער זיין,
אין ווינטער־ווינד צו שטיין אַזוי איינע אַליין.

14

זיכער ערגעץ־דאָרטן וואַרט שוין אַ פּאַלמע,
די כמאַרע פון איר קאָפּ אַראָפּשאַרן ס׳זאָל ווער;
און אין מאַנדל־צווייגל — וואונדערלעכער צוויט,
אויסשערן ס׳זאָל שוואַלב מיט געשפּיצטער פליגל־שער —

איך קאָן נישט מער לייענען פון שוואַלבן־אָפּפליי,
זיי נאָכקוקנדיק, מיין אויג צוקט אויף אין אַ טרער:
ווער קאָן וויסן, ביי זייער אָנפליי צוריק,
זייער געטשוויטש צי איך וועל נאָך פאַרנעמען מער?

(פינאַל)

15

ס׳זינגט נישט דער שוואַלב אַנדערש, אָנקומענדיק דאָרט,
ווי געזונגען ער האָט ביי זיין אָפּפליי פון דאָ,
טשוויטש, טשוויטש: פול מיט געפאַרן ס׳איז דער אַרום,
אויף לעבן לויערט שפּאַרבער, אויף שטאַרבן — דער קראַ!

און די שוועלבלעך אין נעסטל איינצושטילן,
אָנאויפהער זיין געפלאַטער נישט צו ווערן מיד — — —
טשוויטש־טשוויטש — ס׳איז אַ וואָרענונג, נישט קיין זינג־זאַנג!
ס׳איז דער צוקנדיקער בליץ — דער שניט אין זיין ליד.

---

לעא קעניג

# מען זוכט מיט גוואלד א נייעם נביא

איינער פון די צייכנס פון אונדזערע איצטיגע נאך־מלחמה יארן — די יארן פון דער אזוי גערופענער „קאלטער קריג" — איז דאס זוכן (ניט מיט ליכט נור מיט גוואלד) פון א נייעם נביא, א נייעם פילאָזאָף, א נייעם אידעאלאגישן פירער. און ניט אזוי א נייעם נביא, וואָס זאל ווייזן א נייע ליכט, דעם אמתן אויסוועג און באפרייאונג פון די געפארן וואָס לויערן און דראען די גאנצע מענטשהייט, דעם גאנצן מענטשליכן מין;

און ניט אזוי א נייעם נביא, וואָס זאל אונדז צוריק־ברענגען דאס גלויבן אינם מענטשן, אין זיך... נאר א נביא, וואָס זאל העלפן באקעמפן די אידעאָלאָגיעס אין וועלכע די זוכער פון די נייע תורות און נביאים זעען צוליב פארשידענע סבות און אינטערעסן א גרויס געפאר פאר אונדזער קולטור און ציוויליזאציע.

איינקע פון זיי זעען די גרויסע געפאר אין סאציאליזם זוכט מען א נביא, פירער, אַ פילאָזאף מיט וועלכן צו באקעמפן סאציאליזם; אנדערע — מערערע פון די היינטיקע נייע תורות זוכער — זעען די גרעסטע געפאר פאר אונדזער ציוויליזאציע אין קאמוניזם, זוכן זיי א נייעם נביא, אדער א אלט־נייעם מיט וועלכן ס׳זאל זיין גרינגער צו באקעמפן קאמוניזם.

מיט איין וואָרט: מען זוכט ניט אזוי א נייע ליכט, אַ נייע תורה, אַ נייע וועלט־אנטשוינג נאר א נייעם פילאָזאָפישן און אידעאלאגישן סערום, אַ נייעם „אַנטי־דאט" מיט וועלטן קעגן צו ווירקן די „אידעאלאגישע מגפות" מיט וועלכע גרויסע מאסן זיינען געפערלעך אנגעשטעקט.

וואָרום וואָס איז דאס בעסטע מיטל געגן אַ וועלט אנשויאונג וואָס ווערט צו פאפולער און געפערלעך אויב ניט א נייע, אַ אנדערע וועלט־אנשויאונג? אפנים אז זיי גלויבן אז דער בעסטער מיטל געגן א נביא איז אַנ׳אַנדער נביא, און דאס בעסטע מיטל געגן איין פילאָזאָפישע אנשויאונג איז אַנ׳אַנדער אנשויאונג.

* * * * *

פארשטייט זיך אז דער נייער נביא, דער נייער „סערום" דארף זיין אויך פון די אלטע.

נביא געגן נביא, פילאָזאף געגן פילאָזאף און אלט געגן אלט.

און אויב מעגלעך זאל דער נייער פילאָזאָף זיין פון דעם אייגענעם יאר־הונדערט, פון דעם אייגענעם לאנד און פון דער אייגענער ראסע צו וועלכע דער פילאָזאָף דער געלערטער אדער דער נביא, וואָס איז געוואָרן צו פאָפולער און געפערליך, האט באלאנגט... דער סערום וועט צוליב פסיכאָלאָגישע טעמים אזוי ארום, גלויבט מען, זיין ווירקזאמער.



אויב די געפערליכע תורה קומט, צום ביישפיל, פון רוסלאנד דארף מען, הייסט עס, דעם פילאָזאָפישן „אנטי־דאט" געפינען און אַראָפּברייינגען פון רוסלאַנד גופא...

אויב דער געפערליכער נביא האט באַלאַנגט, צופעליג אדער ניט צופעליג, צו דעם פאלק וואָס האט געגעבן דער וועלט, קיין עין הרע, אַזוי פיל נביאים — דארף מען דעם נייעם נביא ארום זוכן און געפינען (און אז מען זוכט געפינט מען...) צווישן יידן.

אַזוי איז עס ווירקזאַמער, הייסט עס: דער „חולה" וועט זיך גיכער לאזן אַנשטעקן מיט דער נייער תורה וואָס קומט פון דעם זעלבן קוואל...

* * * * *

אַ פּאָר זייער כאראקטעריסטישע ביישפילן:

מיט יאָרן צוריק האב איך געזען אין דער „טיימס" „אַגאָני קאלום" אַזאַ מין אדווערטייזמענט: „אין דעם און דעם וואַל־דיסטריקט זוכט מען אגענטן, וואָס זאלן קענען באַווייזן אז ד׳איזראעלי איז העכער ווי קארל מארקס"...

ס׳איז געווען בשעת ביי־וואַלן אין יענעם דיסטריקט און ס׳איז מסתמא געווען דאָרט די געפאר אַ אַרבייטער קאַנדידאַט זאָל אויסגעקליבן ווערן פארן פארלאמענט — נו, איז נאטירליך געווען די קאָנסערוואַטארן זאלן זוכן אַגיטאטארס וואָס זאלן קענען באַווייזן אז ד׳איזראעלי איז בעסער ווי קארל מארקס....

די קאָנסערוואטארן האבן מסתמא גוט געוווסט אז קארל מארקס האט געהאט שטארקערע טעארעטישע געגנער און קריטיקער צווישן ניט־יידן, אָבער „קענענדיק" די פסיכאלאגיע פון די געוויינליכע ווילער (צווישן וועלכע עס זיינען מסתמא ארום געווען יידישע שטימען) האבן זיי גערעכנט אז מיט דעם ייד ביקאָנספליד וועט זיין גרינגער צו באקעמפן דעם ייד קארל מארקס.

און איצט, גאר לעצטנס, האט זיך באַוויזן אין דער ענגלישער פרעסע אַ ענליכער מאטיוו:

„אַ באַגאַבטער ענגלישער שרייבער איז אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט מיט א מין קול קורא: „יעדער קאנסערוואַטיווער קאַנדידאַט אין די קומענדיקע אַלגעמיינע וואַלן זאל עס האלטן פאר זיין חוב צו מאכן אַ גרינטליכע שטודיע פון דאסטאָיעווסקי"....

אָט דער ענגלישער שרייבער איז, ווייזט אויס, שוין פיל ראפינירטער פון זיין נאאיווערן פארגעגנער דער מחבר פון דער אדווערטייזמען אין דער טיימס „אַגאָני קאָלום", וועלכער האט געפונען אין ד׳איזראעלין אַ מיטל געגען מארקס. אבער דער פסיכאלאגישער לייט־מאטיוו איז דער זעלבער: אַזוי ווי אלע צרות קומען, ווי ס׳איז באקאנט, איצט פון רוסלאנד איז עס אַ חוב פאר יעדן פארלאמענטארן קאנדידאט צו שטודירן די ווערק פון דעם רוס שברוסן דאסטאיעווסקי, וועלכער איז אַליין אין דער יוגענט געווען אַ רעוואָלוציאָנער און איז געוואָרן א בעל תשובה, אַ רעליגיעזער מיסטיק און רוסישער נאציאָ־

נאַליסט און דערנאָך די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אַזוי ביטער באַשריבן אין זיין באַרימטער נאָוועלע „שדים"... איר ווילט באקעמפן דאס אידעאלישע רוסלאנד — שטודירט דאסטאיעווסקין!

* * * * *

פארשטייט זיך אז אונז גייט אצינד ניט אין די פארשידענע גרויסע ווערטן און שברי־אמתן וואָס זענען זיכער דא אין די שאפונגען און אנשויאונגען פון א דאסטאיעווסקי, אַ ביקאנספילד א.א. אלטע און עלטערע מאיסטער מיט וועלכע מען זוכט איצט באקעמפן געפערליכע און צו פאפולערע אידעאלאגיעס; פונקט ווי עס גייט אונז אצינד ניט אין דער פארטיידיקונג פון די אלטע און עלטערע נביאים און אידעאלאגיעס (דערויף זיינען דא ספעציאליסטן פאכלייט).

וואָס אונדז אינטערעסירט אצינד איז דער פסיכאלאגישער אונטערגרונט און לייטמאָטיוו אין דעם אַרום איצטיקע זוכענישן פון נייע טעאָריעס, פילאָזאפיעס, און אנשויאונגען: מען זוכט ניט אַזוי אַ נייע ליכט, א ניי קאנסטרוקטיוו וואָרט אַ דערגאנצונג פון די אלטע תורות און אנשויאונגען וועלכע באַפרידיגן ניט אינגאנצן דעם מאדערנעם מענטשן מיט אלע זיינע נייע וויסנשאפטליכע דערפינדונגען און אין זיין טראגישער ווי פאטאליסטישער זעלבסטאנטפלעקונג...

ניין מען זוכט ניט אַזוי נייע תורות ווי נייע סערומס, נייע פילאָזאָפישע אנטי־מיטלען געגען די אלטע אנשויאונגען, וועלכע מען האלט סרוב פאר געפערלעך דוקא צוליב זייערע קאנסטרוקטיווע עלעמענטן....

און דאס זוכן מיט גוואלט פון נייע אידעאלאגישע אדער פילאזאפישע סערומס איז אַ פאַרשווערונג ניט נאָר פון די אַלטע אידעאָלאָגיעס וואָס מען וויל, מיט רעכט צו אונרעכט, באקעמפן נור אויך — און אפשר נאך מער? פאר די אויסגעגראבענע צו פון דאס ניי אנטדעקטע אלטע מאיסטער מיט וועלכע מען וויל די פאפולערע און הערשנדע אידעאלאגיעס און אנשויאונגען באַקעמפן.

צו ס׳איז א ד׳איזראעלי, צו א דאסטאיעווסקי, א בערדיאיעוו אדער א ראזאנאוו צו גאר אנדערע מארטין בובער און נאך אפאר דענקער און דיכטער וועלכע מען זוכט איצט ווי מיט גוואלד פאפולאזירן און מאדיש מאכן — נאר מען טוט עס, דוכט זיך מיר, ניט אַזוי ווייל מען דורשט נאך נייערע און אמתרע אמתן נאך א אויסלייזונג פון דער שרעקליכער פארווירונג וואָס הערשט איצט אין די מוחות און הערצער פון אַזוי פיל אינטעלעקטואלן אין אייראפע און אמעריקע; נאָר הויפטזעכליך, ווייל מען זוכט סערומס געגען די עלטערע אידעאלאגיעס אין וועלכע מען איז צוליב פארשידענע טעמים אנטוישט אדער פאראינטערעסירט אנטוישט צו ווערן.

און דאס איז ניט קיין איבערשאצונג נאר א אונטערשאצונג אפילו פון די פון דאס ניי אנטדעקטע ווערטן.



דר. יעקב י. מייטלים

## פעריען־באטראכטונגען

(אָפּרו. — פראנצויזן — דייטשן — גערטע — „אַ זעקסטער וועלט טייל".)

אַמאָליקע דורות יידן מיט ווייניק ווין־און לעבנס־רוים, האָבן זיך אָפּגערוט אין אַ וועלט פון גייסטיקייט. מיד, מיט אַ שווערער משא פון וואכנדיקייט אויף זייערע פלייצעס, האבן זיי זיך אפגערוט, ארייננקוקנדיק אין א ספר, לערנענדיק א שטיקל „עין יעקב", זיך געקוויקט מיט א בלעטל גמרא אדער זיך פארטיפט אין א שיעור צווישן מנחה און מעריב. ווי א דערפרישנדיקער קוואל האט געפלאסן דער הארציקער טאן פון דער פאלקס־מעשה, פון א מדרש אדער אן אגדתא, וואס האט דעם ייד אוועקגעטראגן העט ווייט פון זיין שווערער און טרויעריקערווירקלעכקייט, אין אַ וועלט פון שיינקייט און ליכטיקייט.

איז געוואָרן אומעטיק אויפן הארץ, האט מען זיך אוועקגעלאזט שווימען אין דעם ווייטן, טיפן ים התלמוד, אין דעם לערן־ניגון אויסגעזונגען די גאנצע בענקשאפט, וואָס האט אנגעפילט דעם ייד׳ס הארץ. איז געקומען א יו"ט, א שבת, זיינען דאָס געווען אמתע אָפּרו־טעג, טעג פון התרוממות און דערפרישונג, דעמאלט האט זיך דער ייד געשפיגעלט אין דער שיינקייט און ליכטיקייט פון דעם יו"ט, פארגעסן אין זיינע ליידן, פארהייליקט די וואכנדיקייט און ווייטער געשפונען דעם פאדעם פון אייביקייט פון דור צו דור. מען האט אזוי ארום אריבערגעווארפן בריקן פון דער וועלט פון פיזישע מידקייט און אויסגעשעפטקייט צו א וועלט פון גלאנץ, פון אויסגעגליכנקייט אין אייביקער מנוחה.

מיר הייניטיקע, מאדערנע יידן זיינען אבער א שוואכער דור, א סעקולאריזירטער, אן אפגעריסענער, צעריסן פון אינעווייניק אין גייסטיק אטאמיזירט. זיינען מיר א גאנץ יאר (און בעוונותינו הרבים טאקע אויך שבתים אין ימים טובים) מיט אימפעט ארייננגעטון מיט אלע רמ"ח אברים אין דעם ביסל טעגלעכן הארעוואניע, אן אפרו אין אפשטעל, אז מיר פארגעסן ממש אין זיך, אזוי אז מיר פארלירן פשוט די צורה פון מענטש. לויפט מען ארום א פארשמאיעטער, א פארבענקטער און קוקט ארויס אויף די פאר טעג, וואס זאלן ברענגען רו און דערפרישונג, אויסטאן פון זיך דאס ביסל גשמיות, דאס גראבע, דאס צופיל־ערדישע און זיך באפרייען פון די שווערע קייטן, מיט וועלכע מיר זיינען, ווי אין דער גריכישער לעגענדע פראמעטוס, צוגעבונדן צו דעם פעלזן־לעבן אין מוזן אלץ ווייטער און שווערער הארעווען. ווילן מיר זיך דערהייבן, א פלי טאן אין מרחקים, געפינען דערקוויקונג און מנוחה פאר אונדזער אויסגעמאטערטן מח, מוזן מיר בעל כרחי, אפשטעלן די טאג־טעגלעכע באשעפטיקונג, ענדערן די רוטין פון לעבן, בייטן די סביבה, לכל הפחות אויף א קורצע צייט, און אזוי ארום העלפן ארייננטראגן אביסל ארדנונג אין אונדזער לעבן, מאכן א שטיקל חשבון הנפש מיט זיך און מיט דער וועלט

ארום און ווידער אנהייבן פילן, אז מען איז א מענטשלעך באשעפעניש און נישט נאר א מעכאניש שרייפעלע אין א מאשין, וואָס הייסט אפט פאלק, שבט, אדער מלוכה און וואָס איז ביכולת אונדז צו טיראניזירן אין דערשטיקן יעטוועדע פרייע, אינדיווידועלע רעגירונג.

פארשטייט זיך, אז א שיינע, ליבלעכע סביבה, א ליכטיקע לאנדשאפט האט די מעלה, וואָס זי עפנט אויף גיכער אונדזער הארץ, פילט עס אן מיט ליכטיקייט. שארפט אונדזער ראיה, דערהויבט אונדזער נשמה און ברענגט זי נענטער צו איר מענטשלעכן, און אויב איר ווילט, געטלעכן שורש.

זיץ איך דא פאר א קורצע צייט אין די פראנצויזישע אלפן, צופוסנס פון דעם מעכטיקן מאן־בלאנק, ארומגערינגלט מיט א שפע פון שיינקייט און מיט א ליכטיקער, שפילעוודיקער נאטור, מיט בערג און גלעטשערס, מיט טאלן און וואַסער־פאלן, מיט וועלדער אין אימה׳דיק־הויכע בערג־רוקנס. אין דער טיפער שטילקייט פון די בערג, אין דעם אייביקן פליסן פון די וואַסערן, אין דעם סודות׳פולן געמורמל פון די וועלדער איז פאראן אט וואָס אונדזערע אמאליקע יידן האבן אויף זייער באַשיידען פאעטישן אופן אויסגעדריקט מיט „דממת יה״. עס איז די שטילקייט אין וועלכער גאט אנטפלעקט זיך צו דעם מענטש, דער מענטש דערלעבט זיך אינטענסיווער, מקור׳דיקער. עס איז א מין התחדשות, באנייאונג פון מענטש, א התקרבות פון מענטש און בריאה.

עס איז א צייט פון אפרו, פון יו״ט׳דיקער חדוה, ווען די מקורות פון מענטש, די צנורות פון זיין נשמָה, וואָס ליגן א גאנץ יאר פארשאטן אין פארשטאפט, עפענען זיך מיט אמאל, און דער מענטש אטעמט פרייער, הויבט אן ריינער צו דערזען און דערהערן און פילט אוממיטלבארער. עס איז גלייכציטיק א צייט פון אן ערנצטן דו״ח, פון מחשבה און באטראכטונג, פון באאבאכטונג און קאנטראל. דער מענטש ווערט עפיס ווי דערלייזט, ער דערזעט זיך, דערשמעקט די וועלט, ער הויבט זיך ווידער אן צו פילן אלס א טייל פון דער בריאה. עס איז אין דעם עפיס פארהאן פון דער התגלות פון גאט אין מענטש, פון מענטש אין מענטש. דער „האמא טעכניקוס״ ווערט צוריק א „האמא נאטורע״, דער מענטש, ראשו ורובו אריינגעטאן אין דעם טעגלעכן הו־הא, אליין א שטיק מאשין, ווערט ווידער באוווסט וועגן זיך און זיין באציונג צו דער נאטור, ער דערפילט זיך ווידער אלס א וויכטיק שרייפעלע אין דעם גרויסן קאסמישן פראצעס, וואס גייט אן אין אים און ארום אים.

האט זיך טאקע דאסאמל דער מעכטיקער מאן־בלאנק אנגעטאן זיינע שענסטע יו״ט־בגדים, זיך אויסגעפוצט ווי צו א חופה, עפיס ווי אונדז מידע, פארהארעוועטע, שלאפע שטאט־מענטשן צו באגריסן מיט א ברייט־הארציקן „ברוך הבא״. טוט ער טאקע אלץ, כדי אונדז צו דערפרייען, אונדז צו לאזן פילן גליקלעך. ליגט ער אויפן רוקן פון די צענדליקער בערג, וואס טראגן, ווי אמאל אטלאס די וועלט, מיט אסך גבורה זיין גיגאנטישן, שטאלצן און ליכטיק־ווייסן קאפּ. ליגט ער א צוכראסטעטער מיט מאיעסטאטישער רחבות, קוקט אראפ מיט א ברייטן, ליבלעכן, פארגינערישן שמייכל אויף אונדז די



צוויי־פיסיקע ברואים און האט, ווייזט אויס, משונהדיק הנאה פון דער הייסער זון, וואס ווארימט זיין קאלטן רוקן. שטייען די בערג ארום אים, ווי תלמידים מיט א רבין, און קוקן מיט אפשיי און יראת הכבוד ארויף צו אים, כולו אומר הוד.

איז טאקע די פראנצויזישע סביבה א ליבליכע און א ווארימע, מיט מענטשן סימפאטישע, צוגעלאזענע און פריינדלעכע. איז דאך דער פראנצויז בעצם נישט קיין שטייפער, רעזערווירטער, א שטיק טעמפע לאנגווייליקייט. אדרבא, ער איז זייער רירעוודיק, אקטיוו, אינטעלעקטועל. תמיד אנרעגנדיק. א קוואל פון פרישקייט. ער איז פלינק אין זיין אויפאסונג, באגאבט אפט ביז צו געניאלקייט, מיט א שטארקן חוש פאר עסטעטיק און נאטירלעכע שיינקייט. ער איז טעמפעראמענטפול, בארעדעוודיק, זוכט דעם מענטש, איז אים מקרב און טראגט אים אנטקעגן, בפרט דעם פרעמדן, א גרויסע מאס פון ווארימקייט און פריינדלעכקייט, א פשיטא נישט קיין האס אדער פיינדשאפט.

אין תוך איז דער פראנצויז א ברייטער, א ווארימער, א גרעסערער קאסמאפאליט ווי למשל, דער אינסולארער ענגלענדער. בטבע איז ער, דער פראנצויז, א שמח בחלקו, ער רייסט נישט איין קיין וועלטן, איז צופרידן מיט ווייניק, איז פרידלעך און גייט נישט אויס אויף קיין נייע דעראבערונגן. ער האט באמת גענוג. זיין לאנד איז א געבענטשט לאנד, ס׳איז דא פון אלעם גוטן. איז טאקע דער חלום פון דעם דורכשניטלעכן פראנצויז, דער אלטער שלוה׳דיקער חלום פון יידן, פון „איש תחת גפנו, איש תחת תאנתו״. שטרעבט יעדער דערצו צו האבן מיט 40 צי 50 יאר א גענוג אָפּגעשפארטן גראשן, כדי צו קאנען פירן א סאליד, באשיידן (אפשר פאר אונדז א צו קליינבירגערלעך) לעבן, אן זארג, אן יאגעניש און פלאגעניש. עס איז א געפיל פון באפרידיקונג, וואס פליסט אפשר גאר ארויס פון דער טיפער חכמה פון א פאלק, וואָס איז אמאל געשטאנען אויף דער הויך פון זיין מאכט אין ווייס אירע גרעניצן.

דער פראנצויז, ווי דער ייד, איז לויט זיין טעמפעראמענט ראציאנאליסטיש־שכל׳דיק מיט א שטארקן זין פאר הומאר. ער וויל קודם כל פארשטיין און נישט פרובן די פראבלעמען פון לעבן מער צו קאמפליצירן, פארנעפלנדיק מיט א שלייער פון מיסטיק. פאר דעם פראנצויז זיינען פראבלעמען פאראן, כדי מ׳זאל זיי לייזן, און נישט כדי צו בויען ארום זיי פיראמידן פון מחשבות, בערג, וואָס הענגען אין דער לופט. ער האט דערפאר ליב די קלארקייט פון מחשבה, דאס קורצע, חכמה׳דיקע, פואנטירטע גלייכווערטל (באן מא), און דעם געשליפענעם, ריינעם, עלעגאנטן סטיל. ער איז א פיינשמעקער און א סקעפטיקער, בטבע א קנאפער גלייביקער.

דער הומאר פון פראנצויז (גאלישער הומאר) איז בארימט. ער חוזק׳ט פון זיך, לאכט אָפּ פון דער וועלט, בשעת דער שווערמוטיקער דייטש, זיין שכן, פארלירט דאָס גלייכגעוויכט און פארצווייפלט. דאָס טראגישע האָט ביים פראנצויז תמיד אן עלעמענט פון קאמישן. (איז אינטערעסאנט צו בא־

מערקן, אז א סך שטיפערישקייט און חוזק־עלעמענט האבן די בעלי התלמוד אריינגעטראגן אין דער אגדה, טאקע אין די סאמע ערנצטע און טראגישע מאמענטן אין לעבן פון פאלק.) זיין סקעפטיק דערלויבט אים נישט צו לאנג זיך צו האלטן ביי איין פאליטישן גאט. פאר אים איז מלוכה, פארטיי, פאליטיק נישט דאס אבסאלוטע (ווי למשל פאר א גרויסן טייל פון דער דייטשער פילאסאפיע, בעיקר די דיאלעקטישע מיט העגלן בראש), נישט ציל, נאר מיטל. ער האט דערפאר נישט ליב זיך איינצושפאנען אויף לאנג אין א באשטימטן פארטיי־וואָגן. ער האט ליב צו שיפלן אין פאליטיק. פאליטיק איז פאר אים מער טעמפעראמענט, ווי אן ענין פון דאקטרינע און פארטייאישקייט. ער האט דעריבער פיינט די אוניפארמיטעט און איז ממש דער היפוך פון דייטש, מיט זיין שווערקייט. כלומרשטער גרינדלעכקייט, מיט זיין „וועלט שמערץ“ און תאוות פון וועלט־הערשאפט. דער פראנצויז שטעלט העכער פון אלץ זיין פרייהייט, פאר איר איז ער גערייט אוועקצוגעבן זיין לעבן. ער קען דערפאר נישט פארטראגן די פרייהייט אין קנעכטשאפט פון דייטש, זיין באגרעניצטקייט, דעם מאנגל אין הומאָר און זיין פינצטערע ערנצטקייט, עלול צו אנטוויקלען די לײדנשאפטלעכסטע כוחות פון האס און פיינדשאפט.

ווייל עס פעלט דעם דייטש דער געזונטער הומאָר, דער עלעמענט פון זעלבסט־איראָניע און דערצו לאַכן, איז ער אַזוי מורא׳דיק ערנסט, אַזוי מיסטיש־טיף און פינצטער. קיינער פון זיינע גרויסע, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, אַחוץ געטע, דער באמת גרויסער, אוניווערסאַלער גייסט, האָט אויפצוויזן אין זייערע שאַפונגען דעם עלעמענט פון עכטן הומאָר, וואָס איז אַזוי כאראקטעריסטיש פאַר די אנגלאָ־סאַקסן, די פראנצויזן און אין דעם פרט אויך יידן. וואָס איז דען סוף כל סוף יידישע חוזק, דאָס אָפלאַכן פון זיך זעלבסט און פון דער וועלט, אפילו אין די שווערסטע, סאַמע טראַגישסטע מאָמענטן, אויב נישט די אנטפלעקונג פון אַ געזונטן, קערנדיקן ווילן צום לעבן, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ לעבען־באַיאָענדיקן הומאָר?? (דערפאַר טאַקע איז, אגב אורחא, שלום עליכם אזוי עכט יידיש). האָט אויך געטע (אין אַ געשפרעך מיט זיין פריינד רימער) זיך אין אַ פיינעם „באָן מאָ“ אויסגעדריקט וועגן חוזק אויף אַזאַ פשוט׳ן, אָבער קלאַסישן אופן: „איראָניע איז דאָס קערענדל זאלץ, אַ דאַנק וואָס מען קען ערשט געניסן דאָס אויפן טיש געשטעלטע געקעכץ“. דאָס האָט דער גרויסער פון ווײמאר זייער גוט געוווסט. זיין פאָלק אָבער, דאָס דייטשע קולטור־פאָלק האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. פאַר זיי איז עכטער, קערנדיקער הומאָר געווען עפעס לחלוטין פרעמדעס, נישט מיטן באָדן פארוואקסן. דערפאר זיינען זיי געבליבן שווערמוטיקע, האַלב־מיסטישע, מיט אַ וועלט פון פינסטערע געפילן, וואָס האָט ווייניק פאַרשטענדעניש פאר דעם פרעמדן און קאָן אויסאַרטן אין אַ לײדנשאַפטלעכן האָס ביז צו פארניכטונג פון אנדערע און זיך זעלבסט.

* * *



פייערט סוף אויגוסט די קולטור־וועלט דעם 200־יאָריקן יובל פון געטעס געבוירן־טאָג. איז דאָס אַ גרויס געשעעניש אין דער וועלט פון גייסט. האָבן אויך מיר יידן, בפרט אין מזרח־אייראָפּעאישן סעקטאָר, תמיד געהאַט אַ פּאָזיטיווע, אַ נאָענטע, יאָ, אַן אוממיטלבארע באַציונג צו דעם גרויסן דייטש און מענטש פון ווײמאר. וויפיל בחורים, קוועטשנדיק אַ באנק אין בית־המדרש אָדער ישיבה, האָבן געהאלטן פארבאָרגן אונטער די גמרא׳ס געטע׳ס „די לײדן דעס יונגען ווערטער“, „הערמאן און דאָראָטעאַ“, „דיכטונג און װארהייט“, אָדער זיין „פויסט“? איז דאָך געטע פאר אַ גרויסן טייל יידן פאַר די לעצטע עטליכע דורות געווען דער אַריינפיר און דער אומבאַגריף פון דער אייראָפּעאישער קולטור, איר אוניווערסאליזם און הומאַניטעט. וויפיל ליכט און אייראָפּעאישקייט האָט געטע געהאָלפן אַריינטראָגן אין דער ענגשאַפט און חשכות פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן שטעטל?

די פראגע ווי די היינטיקע וועלט שטייט צו געטע׳ן, איז נאַטירלעך גאָר אַן אַנדערע און קען דאָ נאָר אָנגעצייכנט ווערן מיט עטלעכע ווערטער. די איצטיקע צעריסענע, געשפּאָלטענע, אין אירע יסודות אויפגעציטערטע, סקעפּטישע, מיט חורבן און פארניכטונג זיך ראנגלנדיקע וועלט, האָט אודאי נישט די אוממיטלבארע באַציונג צו געטע׳ן, דעם גרויסן היידנישן גריך, וואָס איז געווען פאר דער וועלט די פערזאָניפיקאַציע פון דרום׳דיקער הייטערקייט און גריכישער אויסגעגליכנקייט, ווי אַ דור־צוויי פריער. וואָס האָט געטע צו זאָגן דער היינטיקער, פון אירע ווונדן בלוטיקנדיקער וועלט, וואָס שטרעבט דורך פייער און שווערד צו נייע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאָרמען, צו נייע אינהאלטן און אַ נייעם גלויבן? ענטפערט דער „אָלימפּיער“ מיט פארשטענדעניש, אָדער בלויז מיט אַ קאַלטן געטער־שמייכל אויף די אָנגעווייטיקטע פראגן און די סתירות, מיט וועלכע אונדזער צייט איז אַזוי פול? האָט דער אוניווערסאלסטער און אפשר דער גרעסטער גייסט אין דער מערב־קולטור פאר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר, אַ וואָרט פון שליחות, פון טרייסט, פון דערלייזונג פאַר אונדזער היינטיקן דור?

מיר יידן האָבן חשבונות, ערנסטע, בלוטיקע מיטן דייטשן פאָלק (דעם הומאָרלאָזן), אָבער זיין זון יאָהאן וואָלפגאַנג געטע, וואָס איז געבוירן געוואָרן דעם 28־טן אויגוסט 1749 אין דער פרייער רייך־שטאט פראנקפורט־אויפן־מיין, איז אריבערגעוואקסן, ווי אלע גרויסע גייסטער די ענגע גרעניצן פון זיין פאָלק און היים, געוואָרן אַ וועלט־פיגור, אַן אינטעגראלער טייל פון דער מערב־קולטור, אָן וועלכן מ׳קען זיך שוין היינט גאָרנישט פאָרשטעלן. איז דאָך געטע׳ס השפעה אויף אונדז מאָדערנע יידן געווען אַ שטאַרקע, אָנהויבנדיק מיטן בית־המדרש בחור און אויסלאָזנדיק מיט דער מאָדערנער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. וועלכער לייענער איז נישט געוואָרן תהומות׳דיק אויפגעציטערט פון דער געוואַלטיקער, דעמאָנישער געשטאַלט פון דעם קעמפנדיקן, פאלנדיקן און סוף כל סוף דערלייזטן פויסט? איז דאָך אָט דער פויסט אַן אייביקער סימבאָל פון דעם קאמף, וואָס שפילט זיך אָן אין הארץ

פון דעם מענטש, צווישן די כוחות הטומאה און קדושה, אָדער ווי מען דריקט זיך פּאָפּולער אויס, צווישן דעם יצר טוב און דעם יצר הרע. ווער פון אונדז האָט שוין נישט פּרי אין זיך דערפילט דעם טיפן ריס אין הארץ, ווו עס „קעמפן צוויי וועלטן", ערדישע און הימלדיקע כוחות? די טיפע טראַגעדיע פון פויסט'ן, דער פּראָטאָטיפּ פון דעם זינדיקן, שוואַכן, זיך ראנגלדיקן מענטש, וואָס ווערט סוף כל סוף דערהויבן און אויפגעלייזט, איז אַן אומענטשלעכע און פון אייביקער ווערטיקייט. איר מאָטיוו, די טאָפּל־נאַטור פון מענטש, דאָס געטלעכע און הייליקע, דאָס נידריקע און פינסטערע, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אלע גרויסע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון אַן איוב, איבער די גריכישע טראַגיקער צו אַ שעקספּירן, ביז צו אים, דעם גרויסן געטע.

אָבער די צייטווייליקע ירידה, דאָס בלאָנדזשען פון מענטש (געטע זאָגט: בלאָנדזשען טוט דער מענטש, כל זמן ער שטרעבט) איז נישט סתם זינלאָז. דאָס פייער פון אומצופרידנקייט, וואָס ברענט אין אונדזער האַרץ (און לאָזט פויסטן שליסן אַן אָפּמאַך מיטן טייוועל), דער דראנג פון די טונקעלע כוחות (געטע רופט דאָס אָן: „דער דומפּפע דראנג") אין מענטש, איז די אנטיטעזע אין דער דראמע פון אייביקן קאמף פון מענטש פאַר דערלייזונג. די כוחות הטומאה, וואָס רייסן זיך צו באַהערשן דעם מענטשן, האָבן, לויט געטען, אַ פּאָזיטיוו־עטישע און דערציערישע אויפגאַבע. זיי דערלאָזן נישט, אַז די יצירה־כוחות אין מענטש זאָלן ווערן אָפּגעשטאַנען, איינדרימלען און גיין לאבוד. איז דערפאר מעפיסטאָ'ס אויפגאַבע צו וועקן, צו רייצן און פארשאַפן פויסט'ן גהינום קוואַלן, כדי פויסט זאָל באַווייזן זיין אמת'ע נאַטור, קעמפן און זיין אַן עומד בנסיונו, וואָס זאָל ביישטיין זיין נסיון. זאָגט דאָך גאָט וועגן טייוועל אין פּראָלאָג פון „פויסט":

> די טעטיקייט פון מענטש קען גאָר לייכט ווערן אנטשלאפט,
> ער זוכט זיך גיך אַ לייכטע רו,
> דערפאר געב איך גערן אים דעם געזעל צו,
> וואָס רייצט און ווירקט און אלס טייוועל שאַפט".

ווייל דער יצר הרע־טייוועל זיצט אין אַ ווינקל פון אונדזער הארץ, רעדט אונדז אָפּ און ציט אונדז מיט קייטן אַוועק פון מקור, מוז זיך פויסט מיט איר ראנגלען (דאָס איז זיין אויפגאַבע!), כדי נישט צו צעטרענצלען זיינע כוחות, זיי נישט צו ניוועלירן, כדי נישט צו ווערן אַ שקלאַף פון טעמפּע געפילן און הייסע ליידנשאַפטן. ער מוז זיך דערהויבן, כדי ער זאָל זיך קענען באַפרייען, כדי ראוי צו זיין צו דערלייזונג.

און אפשר קענען מיר גאָר ציען אַ מוסר השכל פון פויסט'ן פאַר דעם היינטיקער, זינדיקער, ביז צו אויסגעשעפּטקייט קעמפנדיקער וועלט? וואָס וויל אונדז געטע לאָזן הערן מיט זיין גרויס ווערק? פויסט, וויל אונדז געטע זאָגן, דער אייביק אומצופרידענער, אומרויקער, דעמאָנישער מענטש קען סוף כל סוף ווערען דערלייזט (הגם ער האָט זיך און זיין נשמה פאַרשריבן דעם



טייוועל), אויב ער וועט זיך כסדר אין זיין שטרעבן באַמיען, אויב ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, נישט אויפגעבן זיין קאמף. ער טאָר נישט שטיין בלייבן אין זיין באמיונג, ער מוז גיין פאָרויס, שאַפן און זיך באַפרייען. ער מוז כסדר אַרבעטן אַרום זיך און אנטלויפן פון דעם געפיל פון זעלבסט־באַפרידיגונג, פון זיך זעלבסט־געפעלן. ער מוז העכער שטייגן, שטרעבן אלץ מער ארויף צו זיין מקור, זיך צו איבערווינדן (דוקא אין דער באהערשונג און איבערווינדונג ליגט די גרויסקייט) און זיך צו באַהעפטן מיט זיין שורש, אויב נישט נאָך העכער.

געטע איז געגאנגען מיט אַ זיכערן, פעסטן טריט דורכן לעבן. אין זיין אייגענער ברוסט האָט ער אויסגעטראָגן און אויסגעקעמפט די טראגישע סתירות פון דער מעטשלעכער נאַטור, פון דער דופּליציטעט פון מענטשלעכן וועזן. דאָס אַלץ האָט ער אויסגערייפט און געשאפן דערפון אַ העכערע, קינסטלערישע איינהייט. געטע, אַליין אַ פויסט אין זיין דעמאָניש־צפון'דיקן לבוש, האָט אין זיין וועזן אויך פאראייניקט דאָס דיאָניזישע, דאָס פריילעכע און הייטערע פון דעם לאכנדיקן דרום. ער האָט שלום געמאַכט צווישן די צוויי אנטיפּאָדישע עלעמענטן פון צפון און דרום און זיי דערפירט, הן אין זיינע פריערדיקע ווערק ווי הן אין „פויסט" צו העכסטע שלמות.

איז אויך געטע'ס סטיל אין זיין גאנצער גרויסקייט פון העכסטער פשטות, באַמערקט איינער פון די גרויסע ליטעראַטור־קריטיקער פון לעצטן דור, געאָרג בראנדעס, רעדנדיק וועגן דער גרויסער וויטאלער קראפט פון געטע'ס לידער, אַז געטע האָט אין זיינע לידער באַנוצט „בילדער געזעענע, נישט געטראַכטע אָדער אויסגעטראכטע".

אויף דער גאנצער פערזענלעכקייט געטע'ס איז געלעגן דער חותם פון געניאלער שלמות. ער איז געווען איקזיך אויסגעגליכן, אויסגעקעמפט, אויסגערייפט, אינעווייניק רואיק און איבערוונדן. אין דער איבערווינדונג און אויסגלייכונג פון פאָרם און אינהאלט האָט זיין קינסטלערישע פערזענלעכקייט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט פון געניאלער שאַפערישקייט.

היינע, דער גרויסער יידישער אָפּלאַכער און שטיפער, איז געווען באַצויבערט און באַגייסטערט פון דער הדרת־פּנימ'דיקער דערשיינונג פון געטע'ס אויסזען. ער רעדט וועגן איר ווי פון אַ התגלות, אַן אַנטפּלעקונג פון אַ קונסט־ווערק". זיין געשטאַלט, דערציילט אונז היינע, איז געווען האַרמאָניש, קלאָר, חדוה'דיק און איידל". זי האָט געהאט אלע מעלות פון אַ גרויס גריכיש סקולפּטור־ווערק. בשעת געטע איז אין 1832 געשטאָרבן, האָט היינע מיט פּאַטאָס אויסגערופן: „די געטער זיינען אַוועק!"

יאָ, מיט געטע'ס טויט איז דער גריכישער אָלימפּ געוואָרן רייכער. עס איז דאָרט צוגעקומען נאָך אַ גאָט, אַ גאָט־דיכטער, אַ גאָט־שאַפער פון אַן אומגעוויינלעכער קראפט און דינאמיק, אַ פורעמער און געשטאלטער פון העכסטער פּאָטענץ. אויף זיין יצירה ליגט אויסגעגאָסן דער חותם פון געניוס.

פון דעם צו שלמות זיך ראַנגלנדיקן מענטשן, וואָס האָט געקעמפּט מיט געטער און געזיגט.

* * *

מיינע אָפּרו־באַטראַכטונגען וויל איך אָפּשליסן מיט עטלעכע באַמערקונגען וועגן אַ ניי בוך, וואָס האָט מיך זייער פאַראינטריגירט, און וואָס, איך מוז עדות זאָגן, איך האָב געלייענט מיט גרויס אינטערעס, כמעט בנשימה אחת, אין משך פון גאָר וויי̤ניקע שעה'ן.

„אַ זעקסטער וועלט טייל", אַזוי רופט מ. סמבטיון אָן זיין בוך, וואָס איז אקאַרשט אַרויס אין פּאַריז*. עס איז דערווייל דער ערשטער באַנד פון אַ גרויס־געפּלאַנטן צענבענדיקן ראָמאַן, וואָס דער מחבר גרייט צו צום דרוק.

דער מחבר, אַ רוסישער ייד, בעסער געזאָגט שטאַמענדיק פון אוקראַינע (וואָס איז לעצטנס פון דאָרט אַוועק און זיך באַזעצט אין פּאַריז), נעמט זיך אונדז מאָלן אויף אַ ברייטער קאַנווע אַ שטיק צאַפּלדיק ייִדיש לעבן פון רוסלאַנד, פון דער צייט נאָך דער רעוואָלוציע. עס איז אַ צייט פון הרת עולם. די אַלטע וועלט גייט אונטער אין פייער און אין רויך, און אַ נייע פּרובט אויפצושטיין פון אונטער די אַשן און חורבות פון נעכטן. האָבן מיר וויניק וועגן אָט דער קריטישער צייט געהערט, בפרט פון לעבן פון די ייִדן אין די קליינע שטעטלעך פון אוקראַינישן תחום, וווּ עס וועבט זיך נאָך דערווייל ווייטער דער פאָדים פון ייִדישן המשך.

אַנטפּלעקט טאַקע דער מחבר אין זיין ראָמאַן אַן אומבאַקאַנט קאַפּיטל ייִדיש לעבן, בעיקר די ייִדיש־רעליגיעזע ווירקלעכקייט, דאָס לעבן און ווירקן פון דעם רעליגיעזן סעקטאָר אין די טראַגיש־קריטישע יאָרן פון רעוואָלוציע, בירגער קריג, הונגער, פּאָגראָמען, „נעפּ" און שפּעטער, — אַלץ פּאַזן, וואָס האָבן תהומות'דיק אויפגעטרייסלט דאָס ייִדישע לעבן אין רוסלאַנד און האָבן סוף כל סוף דערפירט מיט זיכערע טריט צו זיין טאָטאַלן אונטערגאַנג. הערן מיר אויף איינמאָל פון דעם אָפּגעריסענעם שבט „רויטע ייִדעלעך" אויף יענער זייט סמבטיון (מן הסתם האָט דער מחבר געוויילט סימבאָליש זיין נאָמען), פון זייער לעבן און דאגות, דעם האַנדל און וואַנדל, דעם יו"ט און דער וואָכן, ייִדן אויף ירידים, איבער דערפער און אין דער היים — אַ צאַפּלדיק, קאָלירפול ייִדיש לעבן, וואָס האַלט זיך נאָך דערווייל מיטן כוח פון אינערציע, אָבער וואָס זיין גורל איז אונטערצוגיין פריער אָדער שפּעטער.

זען מיר אין סוף פון ערשטן באַנד, ווי עס גייט אויס דאָס לעצטע ביסל כוחות פון דעם רעליגיעז־מיטלשטענדיקן ייִדנטום אין דעם אוקראַינישן שטעטל. הערט זיך פון די סוף־קאַפּיטלען אַ באַהאַלטענער וויי־געשריי פון אָנמעכטיקייט קעגן אַ פּראָצעס, וואָס גייט אָן ווי אַ שטורעם־ווינט איבערן

---

*מ. סמבטיון, אַ זעקסטער וועלט־טייל (ראָמאַן), פאַרלאַג ט. גראָהאַר, פּאַריז 1949. ערשטער באַנד: פּאַראומערטע קינדהייט.



לאַנד, און וואָס פאַרלענדט אַלץ אַרום זיך, ווייל דאָס זיינען די אייזערנע געזעצן פון לעבן, אַזוי פאַרלאַנגט די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע.

אַז מיר קוקן זיך אויפמערקזאַם צו צו דעם לעבן, צו דער הערלעכער גאַלעריע פון טיפּן, וואָס סמבטיון שילדערט אונדז מיט אַ ברייטער האַנט, דעמאָלט פאַרשטיין מיר ערשט, זען מיר ערשט איין, וואָס עס איז אונדז דאָרט פאַרלוירן געגאַנגען. איין צענדליק יאָרן פון רעוואָלוציע און איבערקערענישן אין רוסישן לעבן, זיינען גענוג געווען צו רעדוצירן דאָס שטאַרקע, טיף־פאַרוואָרצלטע ייִדנטום צו אַ טראַגישער אָנמעכטיקייט.

שניידט זיך סמבטיון'ס בוך אויף אַן ערשטראַנגיקע עפּאָפּייע פון לעבן און אונטערגאַנג פון רוסישן ייִדנטום, פון אָנהויב פון זיין ירידה, צוערשט עקאָנאָמיש, דערנאָך קולטורעל, ביז מן הסתם די טראַגישע צייט, ווען די נאַצי־באַרבאַרן האָבן אָפּגעווישט דעם לעצטן זכר פון דעם אַמאָל אַזוי קראַפּטפולן און בליענדיקן ייִדישן לעבן אין אוקראַינע און אַנדערע צענטרען פון רוסלאַנד. און סמבטיון דערציילט אונדז אַלס אַן עד ראיה, שעפּט נישט מכלי שני. עס איז זיין לעבן, ווי דאָסלעבן פון צענדליקער און טויזנטער אַנדערע ייִדישע ייִנגעלייט, אויפגעקומען, אויפגעבליט אין דער דאָזיקער טראַגישער עפּאָכע. עס וואָלט דעם ראָמאַן (אַלס עפּאָפּייע און פאַר דער שלמות פון בילד) אַ סך געדינט, אויב סמבטיון וואָלט אינעם ספּור המעשה געפּרובט אַריבערוואַרפן אַ בריק פון זיין צייט, נאָך דער רעוואָלוציע, צו דער צייט פון דער ערשטער וועלט־ מלחמה, די עפּאָכע פון אמת'ער גרויסקייט און פעסטער איינגעפונדעוועטקייט פון רוסישן ייִדנטום. דער המשך וואָלט געווען פולשטענדיק.

זאָגט אונדז סמבטיון אין זיין ערשטן באַנד אַ סך צו. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט זיין ביכולת צו האַלטן זיין צוזאָג, אָדער פאַרמעסט ער זיך אַביסעלע צו הויך מיט אַ שטאַף, וואָס וואָלט געקענט זיין איבער זיינע כוחות? אינעם אינטערעס פון סמבטיון'ס טאַלאַנט און זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג איז וויכטיק, אַז ער זאָל זיין ווערק אויסטראָגן, ס'זאָל אויסרייפן צו אַ קינסטלערישער שלמות און געפורעמטער גאַנצקייט. קודם כל איז עפּישע רו פאַר אַזאַ ווערק (אויב סמבטיון איז עס באמת אויסן) פון דער גרעסטער באַדייטונג. עפּאָפּייעס פון דעם מין שאַפט מען נישט אין דער מיט פון האַסטיקן געראַנגל און שווערן קאַמף.

אָבער אַוועקגעקוקט דערווייל פון אַ ריי שייַנקייט־פעלערן און באַוואָרענישן כ'וואָלט זיי אָנגערופן קינדער־קראַנקייטן פון אינגערן מחבר, איז דער ערשטער באַנד „פאַראומערטע קינדהייט". אַ פּראַכטפול בוך, מיט אַן אינטערעסאַנטן ספּור המעשה, אָנגעשריבן מיט אַ לייכטן, פליסיקן סטיל. אַז מ'האָט אויסגעלייענט דאָס בוך, ווילט זיך נאָך. קוק איך טאַקע שוין אַרויס אויפן המשך. היעמדו דבריו אם לא? וועט דער מחבר האַלטן וואָרט, אָדער נישט? איך האָף, אַז יאָ. דער אָנהייב איז פאַרהאַן.

שאַמאָני (מאָן בלאַנק), אויגוסט 1949.

# אליהו פאלושאק

## שלום אש

(צו זיין קורצן באזוך דא אין לאנדאן)

שלום אַש איז געקומען קיין לאנדאן, אלס צווישן־סטאציע צו זיין ווייטערדיקער נסיעה צום אייראפיאישן פעסטלאנד. אין דער „דזשואיש קראניקל" פונעם 26־סטן אויגוסט האבן מיר געלייענט לאקאניש, אז „מר' שלום אש איז אנגעקומען נאך לאנדאן פון אמעריקע". דאס ביסל אנדערע יידישע „פרעסע" האט גארנישט נישט דערמאנט. מן הסתם נישט געהאט קיין קוראזש.

קענט איר מר' שלום אש? ניין, איך קען נישט מר' שלום אש, ווי איך קען נישט, אים צו לענגערע יאר, א מר' מענדעלע מו"ס, א מר' יצחק לייבוש פרץ, א מר' חיים נחמן ביאליק, א מר' שלום עליכם און א מר' טעאדאר הערצל ז"ל.

די דריי פשוטע זילבן: שלום אש זיינען א באגריף און א שטיק געשיכטע פונעם יידישן לעבן און דער יידישער ליטעראטור, א שטיק קעגנווארט און צוקונפט פאר דורות, פאר שפעטער. ווען מיר ווילן ווייטער זיין א קולטור־פאלק און האבן די זכיה אנצוהאלטן און אויסצובויען אונדזער וועלטלעך לעבן אלס פאלק מיט לייטן צוגלייך, זיינען מיר פארבונדן מיט דעם נאמען שלום אש, דעם גרויסן קלאסיקער פונעם יידישן ראמאן, און זיין נאמען וועט בלייבן פארבונדן מיט אונדז. זיין געוואַלדיק פילזייטיק שאפן הערן נישט אויף צו עקזיסטירן, ווייל עמיצער וויל זיי ביידע דעם שאפער און זיין ווערק, פארשווייגן, פונקט ווי עס הערט נישט אויף צו זיין דער גיגאנטישער גאוריזאנקאר, ווייל עס זיינען דא מענטשן, וואָס ווייסן נישט פון זיין עקזיסטענץ אדער האָבן מורא פאַר זיין סודות'דיקייט, פאר די אימה און אומדערפאָרשטקייט, וואָס זיינען פארבונדן מיט דעם דאזיקן העכסטן בארג פון אונדזער פלאנעט.

שלום אש האט א סך קעגנער נישט פון היינט. שוין פון אנהויב אן, זייט ער איז געוואָרן אַ באשטימטע פיגור אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור, איז באשטאנען א קאמף ארום און קעגן שלום אש. דער דאזיקער קאמף איז אפט געפירט געוואָרן פון מענטשן, וואָס האבן נישט קיין דירעקטע שיכות צום גייסטיקן שאפן פון א יידישן קינסטלער, אדער פון א פרעסע, וואס האט מיט מיטלען פון ביליקער סענסאציע געוואלט באַרעכטיקן זייער נעבעכדיקע עקזיסטענץ אויף דער יידישער גאס.

עס לעבט ליידער היינט נישט קיין פרץ, וואָס זאל זאגן זיין וואָגיק וואָרט אין דעם גרויסן האס־און העץ קאמף קעגן א קינסטלער, וואס זוכט און בענקט און בלאנדזשעט און שאפט אין דעם גרויסן לאבירינט פון די קאמפליצירטע טעמעס פון עבר און היינט. אין זיין אויפזאץ „וועגן מילה־סקאנדאל" (אש איז, ווי באקאנט, אמאל שארף אויפגעטרעטן קעגן מלה־זיין א טויט קינד און קעגן דעם ווילן פון א פריידענקערישן פאטער) שליסט פרץ אפ: „און וויל



מען א קינסטלעריש מויל מיט שמוציקע שמאטעס פארשטאפן, מוזן מיר רופן: שמוציקע לייט, די הענט ביי זיך!"

מיר פארגעסן אז אין דער צייט פון שלום אשס אריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראטור, האבן מיר זיך שוין געפונען אינם סטאדיום פון דער פארוועלטלעכונג פונעם יידישןלעבן. דער קינסטלער איז אויך געווען קעמפער, און האט נישט געוואלט און געקאנט דולדן א צענזור פון א סקארבאווער אָדער כלי־קודש'דיקער היעראַרכיע. מיר זיינען אַרויס פון געטא אָדער געווען אויפן בעסטן וועג זיך אפצושיילן פיזיש און גייסטיק פון דער אימפּאטענץ פון געטא (דאס איז אויך פרץ'עס א וואָרט). דער חרם קעגן א יחיד איז געוואָרן ווירקונגסלאז: דער יידיש־שאפענדיקער קינסטלער האט שוין געהאט געפונען קאמאנד איבער גרויסע מחנות יידישע לייענער, וואָס האָבן אים נאָכגעפאלגט אפילו ווען ער, דער קינסטלער, האט געשטרויכעלט, און זיי די לייענער, זיינען נישט מסכים געווען מיט דער פארם אדער אינהאלט פון זיין שאפן.

שוין אין זיינע יונגע יארן האט אש דערגרייכט א גרויסע פּאָזיציע אין דער יונגער יידישער ליטעראטור. ער איז געווען דער „מוזיניקל" און דער „לאָבוז". שוין מיט זיין „שטעטל" האט ער אריינגעבראכט נייע מאטיוון. עס איז נישט געווען קבצנסק אין דער ליטע און נישט כתרילעווקע און מאזעפעווקע פון פאדאליע און אוקראינע, נאר דאס שבת־יום־טוב'דיקע שטעטל פון דער רייכער פארחלום'טער קויאווע ביי דער ווייסל מיט דער געזונטקייט פון דעם קיילער־געסל און דעם אנגעזאמעלטער רחבות'דיקער עשירות פון ר' שלמה. און די ווייסל, ארום וועמענס ברעגעס עס האבן פון קדמונים אן געלעבט מיליאנען יידן און געפירט די טראטונעס מיט האלץ און די בארקעס מיט תבואה פון קראקע ביז דאנציק, האט פאר שלום אש'ן געזונגען יידיש. היינט, ווען דאס גאנצע יידישע לעבן אין פוילן איז געוואָרן פארשניטן, מוז מען טאפעלט און דרייפאך דערמאנען שלום אש'ן, דעם גרויסן שאפער פון זיינע אייביקע מאָנומענטן „אַ שטעטל", „ר' שלמה" און דאָס בוך „ווארשע" פון דער טרילאגיע „דריי שטעט" מאנומענטן, וואָס וועלן לעבן אייביק, ווען מיר וועלן נאר וועלן.

עס וואָלט געווען חוצפה'דיק פון מיר צו וועלן ערשט מחדש זיין אש'ס גרויסקייט. צו זיין אַריינטרעט אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען צוגעקומען דריי נייע דורות יידישע שרייבער. און קיינער פון זיי האט זיין מדרגה נישט דערגרייכט. אויך נישט זיין צוגאנג צו טעמא און העלדן, אויך נישט זיין געזונטע פארברייכע פאנטאזיע צו מאלן, צו שילדערן, צו בויען מיט ווערטער. וואָלט ער געווען נור מיטלמעסיק, וואָלט דער קאמף ארום אים נישט געווען אַזוי גרויס.

שטארק פארבונדן איז שלום אש מיט זיינע העלדן. מען שפירט ארויס א שטארקע ליבע אפילו צו מאטקע גנב. פאר אש'ן איז מאטקע גנב נישט וויניקער א שטיק יידיש לעבן, ווי דער פאטריארכאלישער ר' שלמה, אנקעל

מאזעס, די כשוף מאכערין פון קאסטיליע, די סימפאטישע לערער־פאמיליע הורוויץ פון וואַרשע, דער זשיכלינער, די יידישער וועבער פון לאדזש, דער מיליאנער און אפארטוניסטישער טויזנט־קינצלער גאוורישי חיימאוויטש מירקין און די קאפריזנע פארבאלעוועטע אסימילאנקע נינאטשקא, און אפילו „דער מאן פון נצרת״....

ס׳איז דאָך הויפּטזאכליך וועגן דעם „מאן פון נצרת״ און זיין „אַפּאָסטעל״, וואָס האט געפירט צו דעם אפענעם שארפן קאמף קעגן שלום אש. איך האב נישט אלץ געלייענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן קעגן אים. דאס ביסל, וואָס איך האב געלייענט, קלינגט ווי ביליקע אדער נידריקע קנאה־שנאה קעגן א גרויסן שאפנדן קינסטלער און געשטאלטער פונעם יידישן וואָרט.

מען ברויכט נישט מסכים צו זיין מיט דעם אריינפיר זיינעם צום טעמא „דער מאן פון נצרת״. מען קען מיינען, אז דער פאן וויאדאווסקי״ — הגמון קארנעליוס איז אינגאנצן דא אן איבעריקע פיגור. אבער דאס איז דאָך נור דער ראמען פונעם ווערק. דאס ווערק אליין, די גאנצע עפּאפּייע האט שלום אש געשריבן מיט א באשטימטער כוונה. אט די דאזיקע כוונה טייטשן די שונאים פון אש אויס יעדער אויף זיין שטייגער. מען רעדט פון קריסטלעכער מיסיע, שמד און ווייס איך וואָס.

אין זיין בארימטער טרילאגיע „דריי שטעט״ זאגט דער יונגער מירקין, אז ער קען נישט לעבן „מיט א לאך אינם הארצן״. שלום אש האט אפשר א גאנץ לעבן געלעבט מיט א לאך אינעם הארצן. די גרויסע מיסטעריע, ווי אזוי דאס קריסטנטום אלס אנ׳אורשפרינגלעך יידיש רעליעזע באוועגונג איז ארויסגעוואַקסן פון דער מוטער־רעליגיע און האט זיך געשטעלט אין סתירה און שנאה צו איר, האבן אשן נישט געלאזט קיין מנוחה זיין גאנץ לעבן. די עקזיסטענץ פון א טעמא האט אים גערייצט, פראוואצירט. און ער האט געהאט דעם מוט און דעם כח דאס דאזיקע טעמא אויסצובויען, צו פארמען, צו מייסטערן און צו געשטאלטן.

יא, לאמיר אלע זאגן, אז מיר זיינען נישט מיט אים מסכים, אז מען מעג דעם ישו הנוצרי געשטאלטן ווי אַ נביא אָדער משיח פון זיין צייט, אָבער צוגעבן מוזן מיר, אז ווען מען לאזט ארויס דעם חשד פון טענדענץ, זיינען זיי אלע: דער מאן פון נצרת, די מרים פון מגדל, דער יוחנן המטביל, דער בר תלמי, דער פישער שמעון, אפילו דער רויבער בר אבא — יידן פון זייער צייט, די כהנישע פאמיליעס מיט זייערע קאסטישע און דער טעטראך פון יודעא מיט זיין דינאסטיש־הערשערישע אינטערעסן און תאוות זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער צייט, דער דאמאלטיקער אסימילאציע און קארופּציע.

יעדער איינער, וואָס איז נישט פארבלענדט פון פאנאטיזם און שנאה און וויים, וואָס ליטעראטור איז, מעג לייענען אינעם ערשטן און צווייטן באנד די קאפיטלעך איבער יהודי איש קריות... און כאטש עס איז דא א געוויסע סתירה אין דער געשטאלטונג פון דעם דאזיקן כאראקטער (אינעם ערשטן און צווייטן באנד), מוזן מיר באוואונדערן מיט וועלכער מייסטערשאפט שלום אש האט



געשאפן נישט א מאוסן פאראכטעטן, געטא־ארטיקן פארעטערישן „יודאש אישאריאט״ (וואָס איז שוין מאוסער אין גוישע אויגן, ווי אַ יודאש?) נאר א יידישן יהודי איש קריות, אנ׳אייפריקן לערנער, א יידישן קנאי, א מין נזיר. א שומר הדת, מיט א שטארקער בענקשאפט פאר אויסלייזונג און דערלייזונג און שנאה צום שונא, צום באצווינגער פון מלכות יהודה, די רוימער. אפילו זיין מסירה (אויב די זעלבע איז היסטאריש אמת) ווערט פון אשן אויף זיין אופן אויסגעטייטשט און געשילדערט. עס איז אנ׳אנדערע צוגאנג. אש האט געוואגט צו האבן אן אנדערן צוגאנג, אפשר נישט שכל׳דיק, דערפאר אבער פריי און קינסטלעריש גרויס.

קען מען דען איבערהויפּט שכל׳דיק צוגיין צו דער גרויסער משיחישער עפּאכע פון דאמאלס? ווייסן מיר דען א סך, וואָס איז היסטאריש און וואס פאנטאסטיש? וואו איז דא די גרענעץ פון דיכטונג און אמת? וואו איז מיסטעריע און וואו התגלות?

וואָס מיר ווייסן יאָ, איז, אז, דער גרויסער קינסטלער האט דאס רעכט צו געשטאלטן אנ׳עפּאכע מיט העלדן און סטאטיסטן, ווי ער האט זיי געזען מיט זיין וויזיאנעריש אויג. דער יידישער קינסטלער האט דעם חוב א יידיש טעמא צו געשטאלטן יידיש. שלום אש גלייבט, אז עס איז אים קינסטלעריש געלונגען דאס היסטארישע טעמא פונם אורקריסטנטום, וואס איז לויט זיין, אש״ס מיינונג, געווען א ריין יידיש־רעליגיעזע באוועגונג, געלונגען צו געבן א יידישע פארם און אינהאלט, א יידישן מלבוש.

אש איז נישט דער ערשטער גרויסער קינסטלער, וועמענס שאפן עס רופט ארויס ווידערשפרוך, פראטעסט און שארפע דיסקוסיע. אסקאר ווײַלד האט אלס מענטש אמאל דערגרייכט דעם טיפסטן תהום אין זיין געזעלשאפטלעכער שטעלונג. מען האט זיין נאמען נישט פארשוויגן און נישט ארויסגעשטויסן פון דער גרויסער ענגלישער ליטעראטור. שלום אש איז, ברוך השם, נישט אלס מענטש און נישט אלס קינסטלער אראפגעזונקן צו וועלכן עס איז תהום, נאר האט דערגרייכט די געוואלדיקע הויכקייטן אלס מייסטער פונם יידישן וואָרט אין דער יידישער ליטעראטור.

און ווער עס זאגט גארנישט איבער אים און ווער עס זידעלט און וואַרפט שמוץ אויף אים, נישט איר קענט פארשווייגן און נישט איר קענט מער ארויסרייסן דעם נאמען שלום אש פון דער יידישער ליטעראטור.

פארוואָס זאָל שלום אש נאָך אַ לאנגען ארבעטסזאַמען לעבן, באלד אַ בן שבעים, לעבן מיט א לאך אינם הארצן? אלע גרויסע מענטשן זיינע[illegible]אם. אפשר ברויכט ער אין זיין איינזאַמקייט אונדזער וואַרעמקייט. זאָל נעמען א סוף צו דער שנאה און קאמף קעגן שלום אש! לאמיר אים געבן די גרויסע פריינטשאפט, אים שלום אש, דעם גרויסן מייסטער פונם יידישן עפּאס.

ש. באס*

# אין דער־א נאכט

(פון העברעאיש איבערזעצט ש. ספיוואק)

אין דער־א נאכט צו מיר זיך האבן לאנגפארגעסענע פארבלאנקעט
א סטעזשקע פון אמאל און קוועלעכלעך לויטערע אין לאנקעס
אין א וועלט אזא וואס איז צעשטורעמט און צחורבנט
און אַ קליין מאמעלע — שוין לאנג, העט־לאַנג, מיר אפגעשטארבן,

אַ תמימותדיק קינד, טרערן צעבלישטשעט אין גוט ;
און ס׳שושקען זיך מיט א פריינט פון העט־וויט,
ס׳איז נאך נישט אויס אלץ, נישט אויס כל זמן עס רוט
אויפן בארגשפּיץ א תכלת־הימל אויף א ביסל קווייט.

כל־זמן דו ביסט ווי אן עמער אויף א ברונעם צעווייטיקט,
אנגעהאנגען איבער מיר און העשעסט דיין געוויין,
אין האנט דיין פאַסן־העמדל פון א נעכטן אַ צוריסענעם־צעצויטיקט —
דערקענסטו מיך נאך, ברודער־מיין ?

כל זמן א קערנקע טוט דרימלען נאך אין לוגעס ערד,
און דער חלום מיינער — א זינגזאנג־שפּיל צו הימלען אין קאיארן
איז נאך נישט אלץ אין פוילעניש דא אומגעקערט
איז נאך די וועלט נישט הוילע הוילעניש געוואָרן.

אין דער־א נאכט האב איך געזאגט : דערווייל איז גוט און ווייל
כל־זמן סע שמועסט דער וואלד און רעדט ווי איינגעהאַלטן מיטן ווינט
און לעבעדיק גראז איז פאראן, און טל און הענט צוויי געשטרעקטע לופט־הויל
און וויינען קעגן שאטן מיינעם וואָס אנטרינט.

כל־זמן א רעגן אויף א לופּטשיק קאפּעט אין ס׳טוען ווינטן פאכען
און ים, פון אויבן געזילבערט מיט א תמימות־שיין : —
איז נאך צו ענד נישט אלץ און אפן איז א וועג פאר „נאך" און „נאכן".
טאָ זינג דיין ליד. ס׳איז דא א הארץ וואס נעמט עס נאך אריין.

אין דער־א נאכט איז א האנט מיט פארגעב צו מיר געשטרעקט און געצויגן
און א ווינדער־לאנדשאפט. און ס׳זינג זיך זיס און ליב אן איינזאמקייטן־שיר
וואָס קאן נאך שטארקער זיין ווי שיינען העל און שוויגן
וואָס קאן מען דען נעמען פון מיר — כל־זמן דאס אלדינג איז אין מיר.

---

*צו אפרים טויבענהויז׳ס ארטיקל אין אויגוסט נומער „לשון און לעבן".



ש. דארפזאן

# „אויפן צימבל"

שוין דאָס דריטע יאָר ווי אין פּאַריז דערשיינט אַ סאַטיריש־הומאָריסטיש חודש־בלאַט „אויפן צימבל", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן, רעדאַגירט (און אַפילו עקספּעדירט) פון אַ זייער באַגאַבטן יידישן זשורנאַליסט א. א. ליבערמאַן, וועלכער איז, אגב, אויך באקאנט צוליב זיין אָריגינעלן פּסעוודאָנים „שיוורעלעוו".

קליין (אין פאָרמאַט), איז דאָס חודש׳דיקע „צימבל"־בלעטל, אָבער אינהאלטלעך — זייער רייך און איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ שלל פון אַקטועלן הומאָר, וואָס בייסט, ציפּט און קריכט אַריין אין אַלע אברים...

„שיוורעלעוו׳ס הומאָר, איז אַן אָריגינעלער און רעאַגירט אויף דער אַקטואַליטעט פונם יידישן לעבן — פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך און ליטעראַריש.

„אויפן צימבל" (די איין־איינציקע יידיש־הומאָריסטישע טריבונע אין אונזער אזוי ארים־געווארענעם וועלטל) מיידט אויס דעם אזוי גערופענעם סקארבאָוועץ הומאָר, וואָס מיר פלעגן באַגעגענען אין ס׳רוב יידישע הומאָריסטישע וויצנבלעטער אין דעם פאַר־מלחמה׳דיקן פּוילן.

עס איז באמת אַ סך שווערער צו רעדאַגירן דאָס קליינסטע הומאָריסטישע בלעטל, ווי דעם פיינסטן ליטעראַרישן זשורנאַל, ווייל אַ זשורנאַל ווערט באַליווערט מיט מאטעריאל פון פארשיידענע זייטן. אַנדערש אָבער איז דער צוגאנג צו א הומאריסטישער אויסגאבע. דער רעדאקטאר פון אזא וויצנבלאט מוז קודם־כל גופא זיין א פיינער הומאריסט, כדי צו האבן א חוש פאר הומאר — אפילו ווען ער „לאטכנט" דעם הומאר ביי אנדערע...

ליבערמאן — „שיוורעלעוו" באַזיצט די־אָ וויכטיקע מעלה ווי אַזוי אָנצוטאַפּן די הומאָריסטישע זייט פון אונזער געזעלשאַפטלעכן געמויזעכץ, כדי דאָס געזאָגטע זאָל אַרויסקומען „וויציק און שפּיציק", אגול׳דיק און ואשמח׳דיק — ווי שלום עליכם פלעגט זאָגן.

עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דער „צימבל", וועלכער איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט ממש, דערשיינט ניט יעדע וואָך.

איך האַלט פאַר מיין חוב, צו רעקאָמענדירן דעם יידישן לייענער־עולם אויך אין לאָנדאָן און אויף דער ענגלישער פּראָווינץ — צו ווערן שטענדיקע אבאנענטן פון דעם אינטערעסאנטן חודש־בלאַט „אויפן צימבל" און איך בין זיכער, אַז מען וועט דעם שרייבער פון די שורות זיין דאַנקבאַר פאַר דער רעקאָמענדאַציע.

פ.ס. : נאָטירט אייך דעם אַדרעס : —

" Ojfn Cymbl "
29, Rue Turenne, Paris 3.

# צו די פייערונגען צום 200׳טן געבוירן יאר פון געטע

די וועלט פייערט מיט גרויס פּאָמפּ דעם 200׳טן געבוירן טאג פון געטע׳ן — און מיט רעכט! אויב אַ מענטש קאָן זיך אַרויסשיילן און אַרויסוויקלען פון אלע שאלעכצן און קליפּות, ווי אַ וווּנדערלעכע בלום, ווי אַ „רויזל אויף דער לאָנקע״,—אויפנעמענדיק הימל און ערד, ארויסוואקסן מיט זיין שעפערישקייט, —מוזן מיר אים באַוווּנדערן. אָבער די טראגיק, וואָס שטעקט אינם באַוווּנדערן, איז אַ סך גרעסער ווי דער געניאלער דייטשער דיכטער, געטע.

אויב אַ דיכטער פון אַ פאָלק,—און ווי טאָמאָס מאַן מיינט, איז געטע דער פּערסאָניפיצירטער סימבאָל פון דייטשן פאָלק, זיין גרעסטער גייסט, וואָס האָט געראנגלט זיך ווי זיין דעמאָניש פאָלק, נאָר ער, דער גרויסער גייסט, איז געקומען צו שלימות, — אויב אבער א געניאלער דיכטער פון א פאלק האט געהאט אַזוי ווייניק השפּעה אויף זיין דעמאניש פאלק, ווי געטע אויף די דייטשן, קומט נישט אנדערש אויס ווי צו פארצווייפלען אין די קונסט, און די שעפערישקייט פונם מענטש.

וועט „די וועלט״ שוין מוזן מוחל זיין אַ יידן, (נאָך דעם וואָס ס׳איז געשען! אגב האָט דער שרייבער פון די שורות, דער אני הקטן, פון תמיד אָן אַזוי געדענקט איבער געטען.) וואָס וויל דאָך בלייבן ביי זיין אמונה אין קונסט און אין מענטשלעכער שעפערישקייט, און דערפאַר וועט ער אַביסל סקעפּטיש זיך באַציען צו דעם „אָלימפּיקער״, דעם „גריך״, צו דעם אויסגעפּאָרעמטן „איש השלם״ און געניאלן געטע, און וועט דעם בעל יובל אנרופן ביי דעם ערלעכערן נאָמען: קלאסיציסטיק. (אין דער וויסנשאפט וועט ער אויך מסתם גיכער געהערן צו די ענציקלעפּעדיסטן ווי צו די ריינע ענטדעקער און פאַרשער־דערפינדער. ...דאָס וווּנדערלעכע וואָרט „אינטואיציע״ דעקט נאָך נישט אין ביידע פאָלן!)

אמת, אין שנים כתוקנים מאַכט נישט אויס, ווען מ׳כאפּט איבער אביסל די מאס אין א יובל יאר; אבער א ייד איז עס זיכער נישט מחויב, בשעת אין דעם גאנצן טומל יעצט שטעקט א סך פון כדי להגדיל את העסק של הדייטשן.

אין דער דייטשער ליריק צו געפינען פּאָעזיע פון אמתער קלאסישקייט איז עס ביי העלדערלין, און ער, העלדערלין, האָט געגנוי געוווסט וואָס ס׳דייטשע פאלק איז!... קלאַסיק איז נישט קיין סענטימענטאל געניסעריש שפּיל מיט ווערטער, אפילו נישט מיט „ווערטעס ליידן״, עס איז נישט קיין שפּיל פארן טייוול — עס איז א שפּילן זיך מיטן טויט; עס איז א שפּיל מיטן גורל־קוויטל פון לחיים או למות, דאס גאנצע פאלק שטייט דעמאלט פארן תהום!

און דער ראנגלדיקער גייסט פונם פאלק — דער גאון! — שטייט פנים אל פנים מיטן פאטום — א צענטויער, דיבאם אויף הינטערשטע פיס, נישט אַ מאניערירטער בירגער אין אַ צעאוס־מאסקע. דאָס בידערמייערישע אין געטע, — כאָטש ער האָט דעם פּאַרוק פון זיין קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן, — פּאַראַט אים תמיד; דאָס בנעימותדיקע ווערט אָפּט צושטערט דורך דעם צו שטאַרקן גערמאַנישן כאַראַקטער... יאָ, ער איז דער ריינסטער „דויטשער קלאַסיקער״!



גטעס געדיכטע זיינען עכטע דייטשע לידער, האַנס און גרעטכיען פאַרליבעניש, פול „זאנגע און וואָננע״. און ווו ער ווערט קאָסמישער חוקר און פילאָזאָף, האט ער געהאט א גוטן רבין — אונזער ברוך שפּינאָזען! זיין ענציקלאָפּעדישע־דראמע־דיכטונג „געטעס״־„פאוסט״ האט לגמרי נישט אין זיך פון שעפערישע שלימות — און די שטיקלעך טיפעניש וואָס פינקלען אויף פונם אָפּגרונט דא און דארט איז זייער שעפערישער מקור די וועלט ליטעראטור געשאפן ביז געטען — אנגעהויבן פון אונזער „ספר איוב״.

דאָס ווירטואזיש קינסטלערישע אין „פאוסט״ איז,—אַחוץ די באמת ליריש־ליבלעכע פאָלקסטימלעכע גרעטל־טראגעדיע, — דער האנס־זאקסישער בעל־מלאכישער „קניטל־ריים״ דעדאקטיש פאראַרבעט אויף אַ מייסטערלעכן אופן, דערפאר פעלט אפט די פּראסטע יוכטענע עכטקייט, דאס קאפּיטשקעלע בויגעוודיקייט (זאל עס צומאל זיין פון שוסטעריש געווייקלטע זוילן.) וואָס יענער האָט יאָ געהאט. געטע שרייבט שוין זיין פויסטישן „קניטל־ריים״ מיט זאמשענע הענטשקעס... דער גרויסער דייטשער דיכטער האט געקעמפט פאר גערמאַנישע עכטקייט און פאָלקסטימלעכקייט, ביז לסוף, זי איינגעטוישט אויף אוניווערסאלן ביבליש־גריכישן — עס האָט אים, דעם הומאניסטן, אָבער געפעלט דאָס ביסעלע פשטות צו דערגרייכן מענטשלעכע און געטלעכע שלימות.

זיין „טאסט״, „עפיגעניע״, „הערמאן און דאראטעא״ — די בלום פון זיין שאפן! — זיינען העכסטע דערגרייכונגען פון מיטל אייראָפּעאישע שעפערישקייט, קריסטלעכע בירגערלעכקייט; זיי זיינען גריכישע עפּיק און דראמע מיט דייטשע פּריציסקייט און באריידעוודיקייט, דיכטעריש־טעכנישע גרויס־„אויסארבייטונג״ — געטא איז דער „פאמעלוס״ (דער תלמיד) פון דער גריכישער קלאַסיק, ער איז אַ קלאַסיציסט, אַ געניאַלער, אָבער נישט מער — ער איז ביים לעבן נישט געווען דער גדול הדור און וועט אין דער וועלט־ליטעראַטור נישט בלייבן דער גאון עולם!

אמת, די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע מאשין האָט אים, נאָך פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, נאָך פארן 19־טן יארהונדערט, אויסגערופן צום קלאַסיקער פון אייראָפּע, און דייטשע יידן און אייראָפּעאיזירטע יידן האָבן דערצו זייער א סך צוגעהאָלפן... יעצט איז עס אויפסניי אין זייער אינטערעס עס צו טון; זיי מוזן דאך האבן דעם „אילן גדול״ אין וועמען זיך אנצוהענגען! אָבער מיר, מיט אונזער גאנצער שוואַכקייט צו געניאליטעט דארפן אונזערע הענט האלטן פון דערווייטן — עס איז נישט מער אין אונזערע אינטערעסן.

יאָ, וואָלפגאנג פאָן געטע, דער פירשטלעכער ראט פון ווימאר איז אַ הונדערט פּראצענטיקער דייטש און אויפוויפיל זיין געפארעמטע קונסט איז געווען ביכולת צו ווירקן אויף זיין דעמאניש פאלק, האט זי זיכער געווירקט; ווייל קונסט פון אַ פאָלק, אויב זי ווירקט נישט, אויף דעם פאָלק פון וועלכן זי איז עכט ארויסגעוואַקסן, איז נישט שעפעריש.

אָבער פונקט ווי מיר, יידן, טארן נישט צו וואַרפן אַ העברעאישן דיכטער, ווען אפילו דעם גרעסטער, דאס וואָרט נביא, טאר מען אויך נישט, אַ ווערסט

אייראָפּעאישן דיכטער (לכבודו של געטע נוץ איך נישט דאָס וואָרט דייטש!) צוואַרפן דאָס וואָרט גריך, אָלימפּיקער (דאָס זיינען אלץ עפּיטעטן כדי להגדיל את העסק; אין בעסטן פאל, להשביר את האוזן.) — די גריכישע געטער־וועלט, זייערע אלימפּיקער, זייערע פילאָזאָפן עפּיקער און דראמאטיקער זיינען אדעקוואט צו אונזערע ראשונים! ווי אונזערע נביאים אין געזעץ־געבער, וואָס האבן פון די פארשטיינערטע הערצער געריסן דאס פייער פון גערעכטיקייט, האבן זיי, די גריכן, געריסן פון הימל און ערד, דאס פייער און דאס געשטיין און עלעמענטאריש עס געפארעמט, און ארויסבאקומען די רואיקייט פון די אור־עלעמענטן פון הימל און ערד — פון די ברענענדיקע זון אין מיטן העלן טאָג. (ביי אַזאַ כאַפּנדיקן פונקן־שפריץ זיינע ווייבלעכע „עמאַצאַנען" שפּיץ־פינגער אויף אַ ווייל צו וואַרעמען, איז עס היינריך פאָן קלייסטען יאָ געלונגען).

געטעס שאפן האָט נישט אין זיך די קאָסמישע רואיקייט און סטאאישע שלימות. זי האט אין זיך די געמיטלעכקייט פון געניסערישן בירגער און די פאָרנעמע צערמאָניעלקייט. — זי איז עכט דייטש־בירגערלעך... זי איז קלאַסיציסטיש! זייער פייער אפילו,—זיין „פּראמיטעאוס",—איז אויפגעבלאָזענער פייער אין בירגלעך פלאקערדיקן קאמין..

געטעס ליבע צו דער נאטור איז אן עכטע און נאטירלעכע. אבער זי איז נישט אַ רוען אין דער נאטור, אַ זיך מזוויג זיין און מתיחיד זיין מיט איר, זי איז גיכער אן אויסרוען זיך אין איר, א זיך דערהוילן אין איר — ער שווערמט ארום איר, א „שמעטערלינג" ארום אַ בלום, דעם נעקטאר פון איר ארויסצוזויגן. און דערפאר איז זיין דיכטונג ביי דער גאנצער וואָגיקייט און ברייטקייט, דאך נישט קיין פזאלם־געזאנג, געוויגט אויף ציטער פון הארפן־סטרונעס, נאָר גיכער אַ קאָמעראדן־זינג און טרינק ליד באגלייט פון גיטאַרע קלאנגען.

נאָר אַ שטיקל פארגלייך צווישן קלאסיש און קלאסיציסטיש און „די וועלט" וועט מיר ענטשולדיקן דעם פארגלייך, וואָס איך פלאץ מיט אים אַרויס, גלייך אין זייער יובל אריין! איך, ווי אַ ייד, בין נישט מחייב צו פייערן — אַן אבל גייט נישט אויף קיין שמחות... איך וויל נאר מיט דעם פארגלייך באפעסטיקן דאס וואָס איך האב* תמיד געטראכט:

אויב די גריכישע מוזעס זיינען ארויסגעשפרונגען פונם שוים פונם ים, זיינען די דייטשע מוזעס אַרויסגעשפרונגען פון א קופּעל ביר! מ'האָט נאָך איינמאל געדארפט זען א דייטשן בירגער זיצן געמיטלעך ביי זיין קופל ביר, כדי צו פארשטיין זייער גאנצע מענטאַליטעט. דאָס געניסערישע רואיקע קוקן אויף די „בלומע" (דעם שיימל איבערן ביר) האט נישט אין זיך געהאט דאס סאָקראַטיש־סטאאישע ביי דער קאָסמישע „דיוטימא־סעודה (אַפילו נישט דאָס יידישלעך־בנעומיתדיקע ביים היימישן גלעזל מעדט...).

---

* עליזאבעט וועלער, וואָס איז געזעסן ביי מיר און פארגעלעזן געטען, אין די אויפנעם שעהן אין מיין שוואך זיין, אין בערלין — קען עס עדות זאגן.



„ווילסט דו דעם דיכטער פארשטיין,
מוזט דו אין זיין לאנד גיין."

(דאכט זיך פון געטע)

יאָ טאָמאס מאן איז גערעכט: געטע איז דער געניאלסטער דייטשער דיכטער. און די גייסטיקע השפעה וואָס דאס עפּישע שאפן פונם גרויסן דיכטער האט אויף זיין פאלק, האט מסתם זיין געפאָרעמטע דיכטונג געהאט אויפן דייטשן פאלק... אבער צו פארצווייפלען דערפאר אין מענטשלעכע שעפערישקייט און קונסט ברויכן מיר נישט. מיר מוזן נאר געגוי לערנען צו אונטערשיידן פון קלאסיציסטיש ביז קלאסישקייט; פון פרעציז־אויסגעארבעטע מייסטערלעכע טעכניק, ביז עלעמענטאַרע שעפערישע ענטדעקערישקייט; מיר טארן נישט פארטוישן סענטימענטאלע געמיטלעכקייט, מיט סטאאישע רואיקייט, מיט שלימות — געניסערישע באַריידעוודיקייט, מיט ברענענדיקן וואָרט אויף די ליפן.

אויב דער מענטש וויל נישט פארצווייפלען, אויב ער וויל נישט פארזינקען אין בארבארישקייט מוז ער טראַכטן אין די טערמינען פון די ראשונים, אין די שלימותדיקע פאָרעם פון די גריכישע שעפערישקייט און אינם „איש השלום" געפאָרעמט אין די פייער־רייד פון אונזערע נביאים. ש.

---

## יצחק קרעלמאן ווערט באגריסט צו זיין איבערנעמען די אנפירערשאפט פון לאנדאנער „גרענד־פאליי" טעאטער

מיר זענען זיכער אז דער יידישער טעאטער אין לאנדאן וועט אונטער דיין אָנפירער שאפט בליען און וואַקסן.

לאָדז, יולי, 1949. — אידאַ קאַמינסקאַ, מאיר מעלמאַן

מיטן איבערנעמען די אָנפירערשאפט פון לאָנדאָנער „גרענד־פאַליי" טעאטער ווינש איך דיר זאלסט זיין געזונט און שטארק און האבן א סך גוטן מזל.

טשיקאגא, 2 אויגוסט, 1949. — דינה האַלפערן

בראַוואָ קרעלמאַן, איך און מיין פרוי ווינשן דיר גרויס מזל און גליק צום איבערנעמען די אָנפירער שאפט פון „גרענד־פאַליי טעאטער אין לאָנדאָן, דערמיט האַלטן מיר אז דער יידישער טעאטער אין לאנדאן האט שוין געמאכט אַ שריט פאָרויס.

ניו־יאָרק, 13 יולי, 1949. — מאַקס באָזשיק

ליבער קרעלמאן, א הארציקן מזל־טוב דיר צום איבערנעמען די אָנפירערשאפט פונם יידישן „גרענד־פאַליי" טעאטער אין לאנדאן, ס'איז באמת אַ גרויסער זיג אין אלע אינזיכטן.

זיגמונט טורקאָוו

ריאָ דע זשעניירא, 5 יולי, 1949.

## יחזקאל נח ערליכמאן

# „אימתה דציבורא“

דער באַרימטער גאון ר׳ אלטער ז״ל, באַקאַנט אַלס דער מחבר פון די ספרים חידושי הרי״ם, איידער ער איז געוואָרן גערער רבי, האָט ער געוווינט אין ווארשע. איז ער אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ בית המדרש מנחה דאַוונען, ווו ער האָט גראד געקאַנט דעם בעל תפילה און האָט געוווסט אַז ער איז נישט ראוי צו זיין אַ בעל תפילה, און אַחוץ דעם, האָט ער נישט געקאַנט רעכט קיין עברי, און האָט געזאָגט זייער פיל גרייזן.

נאָכן דאַוונען האָט דער רבי צוגערופן דעם גבאי און אים פאַרגעהאלטן, פארוואס ער שיקט יענעם צו פאר א בעל תפילה. דער גבאי האט זיך שטילערהייט פארענטפערט, אַז ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט אַז ער זאָל נישט צוגיין צום עמוד. ער איז אָבער אַן עקשן און טוט ווי אים געפעלט, און עס וואָלט כדאי געווען, האָט דער גבאי געזאָגט, אַז דער רבי זאָל מיט אים רעדן וועט ער זיך גיכער איינהאָרכן.

דער רבי האָט צוגערופן דעם בעל תפילה און אים געזאָגט אַז ער דארף זיך ביי זיך אין דער היים גוט איבערקוקן דאָס דאַוונען, וועט ער זיך צוגעווינען צו זאָגן אַ גוטע עברי, נישט מיט אַזוי פיל גרייזן ווי ער האָט דאָ יעצט געדאַוונט.

דער בעל תפילה האָט זיך אָבער פארענטפערט, אַז ווען ער דאַוונט פאר זיך, דאווענט ער זייער גוט, נאר אז עס קומט צום עמוד מחמת די „אימתה דציבורא“ (די מורא פארן ציבור) כאַפּט זיך ביי אים אַרויס אַמאָל אַ גרייז.

האָט דער רבי צו אים געזאָגט; — ווער הייסט דיך האָבן אין זינען דעם ציבור, אַז דו זאָלסט מורא האָבן פאר זיי, בעסער נעם דיר אין זינען אַריין דעם „רבונו של עולם“ און פאַר דעם רבונו של עולם האָסטו דאָך נישט קיין מורא.

דער פארשוין האָט גוט פארשטאנען די הלצה, און איז שוין מער נישט צוגעגאנגען צום עמוד.

## פופציק יאר פועלי-ציוניזם אין ענגלאנד

### צוגרייטונגען פאר א יובל־בוך

דער ערשטער פארבאנד פון ארבעטער־ציוניסטן אין גאר דער וועלט — דער „פאַריין פון ארבעטער־ציוניסטן אין מאנטשעסטער“ — איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1900 מיט א מיטגלידערשאפט פון 150. דאס איז געווען מיט זעקס חדשים פריער איידער באראכאוו און שמעוני האבן געגרינדעט די יעקאטערינאסלאווער גרופע פ״צ (ווינטער 1900־1901) מיט אַ מיטגלידערשאפט פון 100.



כדי צו פייערן דעם פופציק־יעריקן יובילעאום פון אָרגאניזירטן ארבעטער ציוניזם האָט די פועלי־ציון פארטיי באשלאסן אַרויסצוגעבן א באנד שריפטן (אין ענגליש) וואָס וועט זיין געווידמעט דער געשיכטע פון דער פועלי ציוניסטישער באוועגונג אין ענגלאנד. דער רעדאקטאר פון יובל־בוך איז יהושע פאָדראָ (פאָדרוזשניק).

אַ חוץ אַ צאָל עסייען און ספעציעלע שטודיעס וועלן אין בוך אַריינגיין ביאגראפישע אָפּהאַנדלונגען און זכרונות וועגן די אָנפירענדיקע פערזענלעכקייטן פון דער באַוועגונג וועלכע זיינען געווען טעטיק אין לאנדאן אין פארשיידענע צייטן; סירקין, ברענער, מרמר, באָראָכאָוו, כאזאנאָוויטש, קאַפּלאַנסקי, משה שרת, דוב הוז, בערל קאצנעלסאן, בן גוריון, בערל לאקער.

אין בוך וועלן אויך דערשיינען ביאָגראפיעס פון די פארשטארבענע אָנפירנדיקע חברים פון דער באוועגונג אין ענגלאנד, ווי מאָריס מייער, דר. ריוּוקינד, דזשאָזעף ל. כהן, דר. קרופעניא א.א.וו.

דער רעדאקטאר פון יובל־בוך בעט אלע וואָס האבן ביי זיך וועלכע עס איז בריוו אדער אנדערע דאקומענטן (איינשליסנדיק אלטע פאַרטיי צייטונגען, בראשורן, באריכטן פון קאָנפערענצן א.א.וו.), אז זיי זאָלן אים דאס אויסבארגן — טאמער וועט עפּעס דערפון קענען צונוץ קומען אין דער אויספארש־אַרבעט. אלע אויסגעבארגטע מאטעריאלן וועלן צוריק געשיקט ווערן מיט רעגיסטרירטער פּאָסט.

גאר באַזונדערס בעט ער די עלטערע מענשן וואָס קענען זיך עפּעס דערמאנען וועגן די ערשטע פאריינען, וועגן די רעדנער וואָס זיינען געקומען צו זייערע פאריינען געבן לעקציעס, אז זיי זאלן שרייבן צו אים און פארצייכנען וואָס זיי געדענקען. אויב דאס איז נישט מעגלעך איז ער גרייט צו קומען צו זיי און מיט זיי זיך דורכשמועסן וועגן די ערשטע טעג פון דער באַוועגונג.

דער אַדרעס פון רעדאַקטאָר איז:

J. PODRO, 19, Raleigh Close, London, N.W.4

---

## דער שרייבער בן-א סאכאטשעווסקי
## און זיין זון דער מאלער מאָריס מאכן א נסיעה קיין ישראל

דער באקאנטער לאנדאנער שרייבער בן־אָ סאכאטשעווסקי, און זיין זון דער באַקאַנטער מאלער און צייכנער, מאָריס, פארן אויף א לענגערן באזוך קיין ישראל. דער צוועק פון זייער נסיעה, איז א פלאן ארויסצוברענגען אין וואָרט און אין בילד דאס יידישע לעבן אין מדינת ישראל, דאס געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע, אינדוסטריעלע און אלע אַנדערע פאזן פונם אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

מיר ווינטשן די חברים, דעם שרייבער און פּאָעט בן־אָ סאָכאַטשעווסקי, און זיין זון מאָרס אַ לך לשלום, גליקלעכן דערפאלג אין זייער נסיעה און אין זייער שותפותדיקן פּלאַן.

לאָנדאָנער יידן זיינען אויך להוט באלד צו הערן בן־א סאָכאַטשעווסקי׳ס באריכט־אַרטיקלען, געשיקטע פון ישראל, ווייל אין „פּאַך״ פון רעפּאָרטער געהער סאָכאַטשעווסקי צו די באַליבטע דאָ אויף דער יידישער גאס.

## די שוישפּילערין דאראַ דימאנט אויף א נסיעה קיין ישראל

די שוישפּילערין דאָראַ דימאנט, די פרוי פונם וועלט־באַרימטן שרייבער פראַנץ קאַפקאַ, די לאנג יאָריקע מיטאַרבייטאָרין ביי אונזערע יידיש־ליטער־אַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וואָס האָט זיך דאָ ביי אונז אין יידישן לאָנדאָן קונה שם געווען מיט איר פאָרלייענען פּרץ׳ן און אַנדערע רעציטאציעס, פאָרט אויף אַ באַזוך קיין ישראל, אויף אייניקע פאָרלעזונגען, איבער די פּער־זענלעכקייט פון פראַנץ קאַפקאַ, וואָס אירע פריינט, די פריינט פון איר באַ־רימטן מאַן ע״ה, אָרדענען דאָרטן איין פאַר איר ביי איר אָנקומען.

ביי דער געלעגנהייט וועט, מסתמא, פרוי דימאנט אויך דערציילן אין ישראל פונם צען יאָריקן געראנגל דאָ אין לאָנדאָן פארן יידישן וואָרט, פאַר יידישע קולטור ווערטן, פון „פריינט פון יידישן לשון״, ווו דאָראַ דימאנט גע־הער די אלע יאָרן צום קאָמיטעט.

מיר געבן איר מיט אונזער ברכה, און ווינטשן איר צו זען אין ישראל דאָס וואָס אירע אויגן ווילן דאָרטן זען, און ביי איר צוריקקומען, וועט זי אונז מסתמא מיטברענגען די בעסטע גרוסן און די פריילעכסטע ידיעות, פונם אויפבויענדיק יידישן לאנד און די איינגעאָרדנטע יידישע מאַסן אין אונזער יידישע מדינה.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת דעם 3־טן סעפּטעמבער וועט יעקב ריכטיקער האַלטן אַ רעפעראט איבערן יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע.

שבת דעם 10־טן — דאָראַ דימאנט : פּרץ־רעציטאַציעס.

שבת דעם 17־טן : דער טראַדיציאָנעלער ימים נוראים שבת.

## א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאר פאר אלע באזוכער פון די יידיש ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס



**די רעדאקציע „לשון און לעבן״** ווינטשט אַ גוט יאר אלע זיינע מיטאַרבעטער, לייענער, פריינט פון יידישן וואָרט, און אלע יידן בכל תפוצות ישראל און אין מדינת־ישראל, און שלום פאר דער גאנצער וועלט.

א. נ. שטענצל

---

**„פריינט פון יידיש לשון״** ווינטשט אלע זיינע מיטגלידער, דעם עולם פון די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס און אלע יידן דאָ, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ אַ כתיבה וחתימה טובה.

משה עובד

---

יהודה ביעטש, פרוי און טאכטער ווינטשן אלע קרובים, פריינט, די פריינט פון „לשון און לעבן״ דא און מעבר לים און כל ישראל א גוט און גליקלעך יאָר.

---

אַ כתיבה וחתימה טובה פאר מיינע קרובים, פריינט, שרייבער קאָלעגן און אַלע יידן.

מאריס קאץ

---

מיר ווינטשן אלע אונדזערע חברים און פריינט און קרובים דא אין לאנד און מעבר לים — אַ גוט, געזונט און דערפאלגרייך יאָר.

אליהו, גיטעלע און יוליה פייגעלע פאלושאק.

---

נחמן רובין און פאמיליע ווינטשן משפחה און פריינט און אלע יידישע ישובים אין דער גאנצער וועלט — אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

אייזיק גאלדבערג און פרוי ווינטשט אַ גוט געזונט יאר זיין גאנצע משפחה און אלע זיינע פריינט.

---

מנשה ווייסגראז און פרוי. ווינטשן אלע גוטע פריינט און משפחה אַ כתיבה וחתימה טובה.

35, ביומאנט קאורט, אַפּער קלעפּטאָן, א.5.

---

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינש איך מיין שוועסטער, מרס. שרה מייעראוויטש, אלע מיינע קרובים און פריינט דאָ אין ענגלאנד און אין מדינת ישראל.

צבי אָרנשטיין

---

**דארא דימאנט** ווינטשט אַ האַרציקן לשנה טובה איר ברודער אין ישראל דוד דימאנט, משפחה און פריינט.

---

מיר, די מיטגלידער פון דעם קולטור צענטער אין לידז, שיקן אונזערע האַר־ציקע ברכות און אַ שנת חיים ושלום צו אַלע פריינט פון „לשון און לעבן״ און כלל ישראל.

יעקב טיילאָר, טשערמאַן.

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים

דעם גאנצן כלל ישראל בכל מקום שהם, ומדינת ישראל שלום וברכה וכל טוב, על יסודות הנביאים. — שנת „בבנין ירושלים" תש"י.

2, סידנעי סקווער, ווייטשעפל. **הרב יהושע שפעטמאַן**

---

מיר ווינטשן אלע אונדזערע קרובים דא און אויף יענער זייט ים, אלע אונזערע פריינט אויף דער גאנצער וועלט און די חברים פון „פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ כתיבה וחתימה טובה.

מארקס כהן און פרוי, 52 נייטלאנד רד׳ לאנדאן א.5.

---

פריינט פרץ אקערמאן ווינטשט אלע פריינט און חברים פון „פריינט פון יידיש לשון" און דער רעדאקציע פון „לשון און לעבן" א גוט און געזונט יאָר און ווייטערדיק דערפאָלג אין זייער וויכטיקער ארבעט.

---

מר׳ ל. גארדאן און פרוי אידע ווינטשן די שוועסטער און שוואגער אין דרום אפריקע און אלע קרובים און פריינט אין לאנדאן — אַ כתיבה וחתימה טובה

60, Clinton Road, Mile End, London, E.3

---

**נחום שטענצל** און פרוי און טעכטערל און **א. נ. שטענצל** ווינטשן זייערע משפחות און פריינט אומעטום אַ גוט יאָר און אַלדעס גוטס.

---

צו אלע פריינט און באקאנטע, צו די מיטגלידער פון „לשון און לעבן" און צו די חברים און פריינט פון לידזער קולטור צענטער אַ שנת חיים ושלום.

י. טיילאר און פאמיליע.

26, Grange Crescent, Leeds 7.

---

אַ שנת חיים ושלום ווינטשן מיר אלע פריינט און באקאנטע, די חברים פועלי ציון און כלל ישראל. מיר האפן, אז אין דעם קומענדען יאָר זאל מקוים ווערן גאולת ישראל.

נייטען לעווינסאָן און פרוי.

6, St. Mary's Road, Leeds 7.

---

די נאַראָד־פרעס, ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער און שוועסטערס שוואָגערס און פלימעניקעס אין ארץ ישראל, זייערע קרובים און פריינט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זייערע אָנגעשטעלטע און קליענטן.

בר כוכבא און כרמל נאַראָדיצקי

---

עמנואל געלער, פאַרוואַלטער פון נאַראָד־פרעס, ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה זיינע קרובים און פריינט און די מלוכה אין ישראל.

---

די האַנט־זעצערס פון נאַראָד־פרעס ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה אלע לעזער פון „לשון און לעבן".

---

*Editor* A. N. STENCL, 50, Philpot Street, London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.*1

116

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 117) **צענטער יארגאנג** אָקטאָבער 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:

די וועלטלעכע קולטור און דאָס יידישע שאַפן (אייניקע דעפיניציעס על רגל אחת לכבוד שמחת־תורה) .................... ** 1
דער בערדיטשעווער אין לעמבערג אויף יום־כפור און ווי ער דערכאַפּט זיך ס׳האַרץ מיט דער מסכתא סוכה ...... יחזקאל נח ערלעכמאַן 6
אין די טעג פון סכות, הושענא רבה־ און שמחת־תורה לידער..................א. נ. שטענצל 12
אַ היים (דערציילונג)..........נ. שוחם 16
דעם שור־הבר׳ס ליד (סאַטיריש).........משה עובד 20
דער שור־הבר (סקולפּטור)..........משה עובד 21
אַ ייד אין ווענעדיק (עסיי)..........לעאָ קעניג 23
מיין וואָרט, איך בין אַזוי שטיל (לידער)..........י. ה. לעווי 27
דער אָדלער (ליד) .......... גאָלענישטשעוו־קוטוזאָוו 28
רעאַליסטישע ליטעראַטור (רעצענזיע)..........א. מ. פוקס 29
נ. שמג׳ס צושטייער פון דער סעריע פאַרשוואונדענע יידישע פערזענלעכקייטן (רעצענזיע)..........הערש שישלער 31
הבל הבלים פון אַ היינטצייטיקן קוהלת (רעצענזיע)....זכריה הערשמאַן 33
די סאָציאַליסטישע קבוצות אין ארץ ישראל (חתחתים בדרך לד. מאלץ, סיפורים מחיי הקבוצה)..........שלמה אויערבאך 35
די פרייד פון יצירה..........ש. ערנסט 41
די טראַגישע לעבנס־געשיכטע פון דער באַרימטער דיכטערין אלישבע..........אפרים טויבענהויז 43
אויף די חורבות פון יידיש־לעבן אין נידערזאַקסן..........חרותי 46
רעדאַקציע ־ נאָטיץ .......... 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.......... 48

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס־פּרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער